



START

CONTROL TEST TARGET
for Kodak Quality Monitoring











Aa Bb Cc Dd Ee Ff Gg Hh Ii Jj Kk Ll Mm Nn Oo Pp Qq Rr Ss Tt Uu Vv Ww Xx Yy Zz

Aa Bb Cc Dd Ee Ff Gg Hh Ii Jj Kk Ll Mm Nn Oo Pp Qq Rr Ss Tt Uu Vv Ww

Note: This target is intended for routine quality control checking and uniformity.
It is not to be used for certification of meeting any ANSI or ISO Standards for image quality requirements.
Note: To record background density, use a blank sheet of white paper.

A-2289 CAT 800 7403 Rev. 2/00 @ Eastman Kodak Company, 2000 Printed in U.S.A.

Document Imaging
EASTMAN KODAK COMPANY
Rochester, New York 14650
1-800-232-8811

DOCUMENT
IMAGING



YIDDISH DRAMA

PRESERVATION PROJECT

Horowitz, M. (Moses).
Ben ha-dor: historishe
opereta in fir akten
Pietrkov, [1906 or 1907].

BIBLIOGRAPHIC RECORD TARGET

YIVO INSTITUTE FOR JEWISH RESEARCH

Master negative Storage Number Y-2004-1871.14

Horowitz, M. (Moses), 1844-1910
Ben ha-dor : historishe opereta in fir akten/ muzik fun Perelmuter et Vohl.
Pietrkov: Ferlag di "Yudishe bihne", 667 [1906 or 1907].
60 p.; 19 cm.

1. Yiddish drama.—lcsh
I. Poland- Piotrkow.

ID: NXYH01-B21053 CC: 9114 DCF: [HBR]
CALL: /106051b

Reduction ratio X 10.0.

פערלאג די „יודישע ביהנע״.

בֶּן הַדּוֹר

היסטאָרישע אָפּערעטאַ אין 4 אַקטען

פון פּראָפעסאָר

י. האָראָוויט'ץ.

מוזיק פון פּערעלמוטער עט וואהל.

פּיעטרקוב--תרס״ז

БЕНЪ ГАДОЙРЪ

Оперета въ 4-хъ дѣйствіяхъ.

Соч. Професора И. Горовича.

Типографія М. Цедербаума въ г. Петроковѣ.

פערלאג די „יודישע ביהנע״.

בֶּן הַדּוֹר

היסטאָרישע אָפּערעטאַ אין 4 אַקטען

פון פּראָפעסאָר

י. האָראָוויץ.

מוזיק פון פּערעלמוטער עט וואהל.

פיעטרקוב--תרס״ז

БЕНЪ ГАДОЙРЪ

Оперета въ 4-хъ дѣйствіяхъ.

Соч. Професора И. Горовича.

Типографія М. Цедербаума въ г. Петроковѣ.

פּערזאנען:

שלמון בן עמיאל	קעניג פון חבור	50	יאהר	אלט
צפּורה	זיין פרוי	גענגען 40	„	„
בן הדור	זייער זוהן	24	„	„
חנון (שלמונ׳ס ברודער)	קעניג אין חימה	40	„	„
עלמות	זיין טאָכטער	20	„	„
רחמה	קאַמער־מיידעל ביי עלמות	18	„	„
לפּידות	הויף־דינער, אַ שכור	30	„	„
צרויה	זיין פרוי	30	„	„

אמון פאָלקס אנפיהרער ; פריהר ביי שלמון , שפּעטער ביי חנון , גענגען 60 יאהר .

מיליטערסטען . הענקער , 2 פערברעכער , פישער מיידלעך און פאָלק .

ערשטער אַקט.

(שטעלט פאַר אַ פרייַער פלאַץ. 2 ברענענדע שייַטער הויפען זענען פאַרבערייט צום פערברענען די פערברעכער. דערנעבען שטעהען די 2 פערברעכער אין ווייסען געקלייַדעט. אַרום זיי: די הענקער אין רויטען און גייסטליכע אין ווייסען געקלייַדעט. דער פלאַץ איז בעוואַכט פון מיליטעריסטען. אַן דער מיט שטעהט אמון געקלייַדעט אַלס אַנפיהרער פון מיליטער. פון ביידע זייטען שטעהען דאָס פאָלק פערשידען מאַרגענלענדיש געקלייַדעט. דאָס פאָלק ווייזט אַ׳ג׳אונצו= פרידענהייט פון דעם אורטהייל.)

כאָר.

אל רחום וחנון! שיק אַ דייַנע קינדער פון דער נויש!
מיר בעטען דיך אַלע: רעטע דייַנע קינדער פון דעם טויט!
אונשולדיג זענען זיי אַצינד.
מיר אַלע בעטען: רעכען קיין אַלטע זינד.
אונשולדיג זענען זיי אַצינד!
רעטע דייַנע קינדער פון דעם טויט!
אל רחום וחנון!
שיק אַ דייַנע קינדער פון דער נויט!
מיר בעטען דיך אַלע: רעטע זיי פון דעם טויט!
פון דעם טויט!

אמון: (האלט א ראָלקע אין האנד) ליעבע בירגער און טאפפערע קריעגער פון חימה און חבור! הערט אויס דעם בעפעהל פון אייער קעניג חנון!

(פריעדען־געשריי צווישען די מיליטעריסטען, און אונצופריעדענהייט צווישען פאָלק)

אמון: (עפענט די ראָלקע און לעזט) איך, חנון, דער גרויסער הערשער פון אראביען, דער קעניג פון חימה און חבור...

(מורמלען צווישען פאָלק)

מיליטעריסטען: שאַ! רעספּעקט פאַר דעם קעניגס מאַניפעסט!

(דאָס פאָלק שטומט)

אמון: (לעזט ווייטער) גיעב ארויס דעם פאָלגענדען מאַניפעסט: גאָט איז מיין עדות אז נישט איך בין שולדיג אין דעם טויט פון אייער געוועזענעם קעניג, מיין ברודער שלמון...

(דאָס פאָלק רייסט איבער זיין לעזען מיט אונצופריעדענעם מורמלען און דאָס מיליטער שטילט זיי איין),

אמון: (לעזט ווייטער) איך און מיין ברודער, אייער געוועזענער קעניג, האָבען מיר צוזאַמען געקעמפפט ווי די העלדען אויפ'ן שלאַכט־פעלד געגען די אראַבּיער־פון באַגדאַד, און גאָט האָט אונז געהאָלפען, מיר האָבען זיי בעזיעגט. אָבער לײַדער, איז באַלד דערנאָך שלמון פערלוירען געגאַנגען! און מיר האָבען אַ לאַנגע צייט נישט געוואוסט וואו ער איז אהין געקומען. איך ווייס אז אַ טהייל פון פאָלק האָבען אויף מיר פערדאַכט געהאַט. יעצט אָבער מיין פאָלק! איז מיר געלונגען צו ענטדעקען די צוויי מערדער וועלכע האָבען זיין בלוט פערגאָסען (מורמלען צווישען פאָלק ווי פריהער) און די זאָלען אויף מיין בעפעהל פערברענט ווערען. און דאָס היילינגע פייער וועט פערניכטען דעם פערדאַכט וואָס איז אויף מיר געפאַלען און וועט אָבוואַשען און ריינינגען זייערע זינדיגע נשמות! אזוי בעפעהלט אייער קעניג | בּן בן עמיאל פון חימה.

(אַ'נ'אויפרודער צווישען פאָלק אַלע שרייען)

פאָלק: זיי זענען אונשולדיג! אונשולדיג!

מיליטעריסטען: רעספּעקט פאַר'ן קעניגס מאַניפעסט!

אמון: הענקער אייער פפליכט! (דאָס פאָלק שרייט, איז דאַגעגען און עס הערט זיך אַ שטימע אונטער די קאָליסען)

אמון: עס הערט זיך אַ שטימע! האַלט! לאָמיר וואַרטען און זעהען ווער דאָרט איז. (ער קוקט ארויס) אַ'נ'אַלטער מאַן אֶפּשר דאַרף ער דאָס נישט וויסען! (צו די מיליטעריסטען) פערבּאָרגט די פערברעכער! (דאָס מיליטער פערשטעלט זיי)

שלמון: (פערשטעלט אַלס בעטלער. קומט אריין זינגענד:) וואָס זענט איהר אַזוי שטיל געבליעבען? האָב איך אייך אפשר אייער שמחה פערשטעהרט? איז היינט אַ יום־טוב אין חבור?.. אַ יאָ! מיר דאַכט, ווען איך האָב קיין טעות נישט, איז היינט דער געבורטס־טאָג פון אייער קעניג שלמון. היינט דאַכט מיר ווערד ער אַלט 50 יאָהר.

אמון: (צו זיך) יאָ! ריכטיג 50 יאָהר. היינט ל"ג בעומר, מיט 50 יאָהר צוריק איז אונזער אונגליקליכער קעניג געבוירען געוואָרען (צו שלמון) ווי עס שיינט ביסט דו אַ פריינד פון אונזער גאָטזעליגען קעניג שלמון בן עמיאל, און עס טהוט מיר לייד דיר מיט צו טהיילען די טרויריגע נאַכריכט: אז דער קעניג שלמון איז שוין לאַנג טויט און דאָ זענען די צוויי פערברעכער וועלכע האָבען פערגאָסען זיין היילינג בלוט. און לויט דעם בעפעהל פון אונזער נייעם קעניג, ווערען זיי יעצט אומגעבראַכט!

שלמון: עס איז זעהר פיין פון אייער קעניג. אָבער לאָזט מיך זעהען די מערדער!

אמון: זאָלען די מערדער פאָרטרעטען! (מען פיהרט פאָר די פערברעכער און שלמון בעטראַכט זיי)

שלמון: (לאַכט ביטער) און די זענען ביי אייך קעניגס־מערדער!

האַ האַ האַ! איך שווער אייך בײַ גאָט אַז נישט זײַ! —
זײַ זעהען גאָר נישט אויס ווי קײַן מערדער.

אמון: דו שווערסט בײַ גאָט?

שלמון: יאָ! איך שווער. אין מײַן לעבען האָב איך נאָך קיינ-
מאָל נישט פאַלש געשוואָהרען!.. און אַז איהר ווילט,
מײַנע ליבע, קאָנט איהר עס אייך באַלד איבערצײַגען...

אמון: איבערצײַגען? ווי אַזוי דען?

שלמון: האָט איהר פערגעסען דעם אַלטען יודישען מנהג?

אמון: וואָס מײַנסט דו, אַלטער?

שלמון: פאָלק פון חבור! איך האָב מיטלײַד מיט אייך מײַן
פאָלק! לײַדער האָט איהר שוין פערגעסען אײַערע אַלטע
מנהגים!... אַלזוי הערט מיך: ווען אַ מענש איז פון אַ מענשען
אַלס פערברעכער פעראורטהײַלט געוואָרען און דער פער-
אורטהײַלטער איז דאַגעגען געווען זײַן משפט, פלעגט מען
איהם ערלויבען זײַן אונשולד צו בעווײַזען, מיט דעם: וואָס
ער וועט בײַ גאָט אויסבעטען רעגען, צום פערלעשען
דאָס פײַער אויף'ן שײַטערהויפען. ער פלעגט צו בעטען
תפילת־הגשם. און ווען גאָט האָט זײַן געבעט צו געהערט
און האָט אַ רעגען אַראָב געשיקט, האָט עס געהײַסען: אַז
גאָט וואָס איז אַ יודע מחשבות בעווײַזט אַז דער פער-
אורטהײַלטער איז אונשולדיג...

אמון: ביסט גערעכט, אַלטער. איך געדענק עס. און זאָל עס
אויך אַצינד געשעהן! (צו די פערברעכער:) איהר פעראור-
טהײַלטע! איהר האָט דאָס רעכט, פרײַ צו בעטען תפלת
הגשם. און ווען איהר זענט ווירקליך אונשולדיג, וועט גאָט
אַראָב שיקען אַ רעגען און איהר וועט פרײַ ווערען. איהר
קאָנט די תפלה אַליין מתפלל זײַן אָדער אויסוועהלען
איינעם פון דעם פאָלק.

פון פאלק: זאָל דער אַלטער פאַר זײַ מתפלל זײַן.

אמון: עהרווירדיגער גרײַז! די פעראורטהײַלטע וועהלען דיך

אויס: זאָלסט פאַר זײַ מתפלל זײַן. פיהלסט דו דיך גענוג
קרעפטיג דאַצו?

שלמון: יאָ. דאָך זאָל דאָס פאָלק מיט מיר מיט בעטען

אמון: הזקן מתחיל בתפלה.

פאלק: מיר בעטען דיך אָ גאָט:
העלף אונז פון דער נאָט!
מיר דײַנע קינדער;
בעטען דיך אַצינדער:
שיק אונז דײַן זעגען
און אַביסעלע רעגען!

שלמון: בעווײַז גאָט דײַן גבורה,
ווי דו האָסט שוין בעוויזען אַמאָל:

פאלק: דײַנע קינדער ישראל!

שלמון: זכור הנולד:
געדענק אונז דו גרויסער גאָט
פון אברהם יצחק ויעקב
און אונזער תפלה בעטען מיר, קשוב!

פאלק: שיק אונז דײַן ברכה והצלחה,
וועט זײַן שיר ושבחה.

שלמון: רבונו של עולם! דו הערר פון דער וועלט,
מיר בעטען דיך, רעגען גיך שיק פון דײַן געצעלט-
מיר זאָלען ניצול ווערען פון ביטערען טויט!
שמע ישראל ד' אחד!

פאלק: שיק אונז דײַן ברכה והצלחה,
וועט זײַן שיר ושבחה,

שלמון: אוי אוי! בעבורו אל...
אוי אוי! אל תמנע מים!
בעווײַז אונז געשווינדער:
בצדקו חון חשרת מים! (דאָס פאָלק ווידערהאָלט)

שלמון: בעווײַז אונז דײַן גבורה (ווי אויבען, ביז שיר ושבחה)

מַשִּׁיב הָרוּחַ וּמוֹרִיד הַגֶּשֶׁם! (עֶס דוּנערט בלִיצט און רעגענט)

פאלק: (טאַנצט פאַר שמחה).

לברכה ולא לקללה.

פרעהליך וועלען מיר זיין, אלע קינדער פון ישראל,
טאַנצען וועלען מיר געהען, אלע אָהן אַ צאָהל;
זינגט, שפּרינגט, אלע יודען מיט אַ מאָל,
זייט נאָר פרעהליך, גאָר אָהן אַ צאָהל.
פרעהליך זיין, פרעהליך זיין, אלע אָהן אַ צאָהל,
פרעהליך וועלען מיר זיין, אלע קינדער פון ישראל.
טענצעלעך וועלען מיר געהען, אלע אָהן אַ צאָהל,
לויבט אַלע, לויבט אַלע. אונזער גרויסען גאָט.

(עס רעגענט שטאַרק אמון הייסט בעפרייען די פערברעכער. עס געשוהט)

פאלק: (מיט פריידען געשריי)

פריי! פריי! אונשולדיג! אונשולדיג!

(פון אונטער די קאָליסען הערט זיך טראָמפּעטען שאַל)

אמון: דער קעניג קומט!

שלמון: (צו זיך) איך האָב מורא ער זאָל מיך נישט דערקענען!
(צו אָמון) עהרווירדיגער מאַן איך פיהל מיך זעהר מיעד און שוואַך. קאָנסט דו מיר פילייכט אָנווייזען אַ שטיקעל אָרט וואו זיך אָב צו רוהען, איך זאָל כח האָבען ווייטער צו וואַנדערען?

אמון: זעה אַלטער: דאָ נישט ווייט איז מיין געצעלט, געה, די אונשולדיגע וועלען עס דיר אָנווייזען (צו זיי) געהט מיט! מען וועט דיך שען אויף־נעמען, וועסטו דיך אויסרוהען.

שלמון: (אָבגעהענד) איך דאַנק דיר פאַר דיין חסד! (אַלע דריי אָב)

(חנון מיט זיין וואַך קומען אריין)

אמון: האָך לעבע דער קעניג חנון!

מיליטעריסטין: האָך! האָך! דעם קעניג.

כאָר. האָך לעבע דער קעניג חנון,
חנון דער מעכטיגער העלד,

זיי געזונד,
אימער געזונד,
דו העלדישער קריגער,
דו בּיסט אונזער זיעגער!
יאָ נאָר ער איז אונזער זיעגער
האָך לעבע, האָך לעבע, האָך!

חנון: איז מיין בעפעהל שוין ערפולט? האָט מען די פערברעכער שוין פערברענט?

אמון: דער שופט־צדק האָט דיין בעפעהל צוריק גערופען; דורך הימעלס־וואונדער איז זייער אונשולד בעוויזען געוואָרען.

חנון: (בעזו) וואָס? אַזוי בעהויפּטען מיינע אונטערטאַהנען, אין מיין געגענוואַרט? זאָג! ווער האָט עס געוואַגט מיין בעפעהל ווידער צו שפּרעכען?

אמון: גאָטעס שטימע האָט עס גערעדט צום פאָלק דורך דונער און בליץ.

חנון: ווער האָט עס בעוועגט דאָס פאָלק צו געהאָרכען דיזע שטימע? דו, אָמון?

אמון: ניין קעניג, נישט איך. עס איז געוועהן אַ'נ'אַלטער בעטלער, וועלכער האָט דאָס פאָלק ערינערט אין זייער אַלטען מנהג. און אויף זיין געבעט האָט גאָט דעם רעגען געשיקט.

חנון: וואו איז ער, דער בעטלער? שוין זאָל מען איהם אַהער ברענגען! און וואָס עס האָט געזאָלט טרעפען די מערדער, זאָל מיט איהם געשעהן!

אמון: עס איז געוועהן אַ שליח פון גאָט, מיין קעניג!

חנון: אַ בעטריגער!

אמון: אַ'נ' איש אלהים!

חנון: אַ ניכטס־ווירדיגער!

אמון: אַ נביא!

חנון: וויס!.. אין מיין פאלק האט עס געוואגט מיר ווידער צו שפרעכען? נו... גוט! געהט איך אלע אוועק פון דאנען!

אלע: (אבגעהענד) די פאלקס שטימע איז גאטעס שטימע! (אב)

חנון: אמון! בלייב דא! (אמון געהט צוריק) זאג מיר: פערדינ איך דעם האס וואס דאס פאלק טראגט אויף מיר? וואס טהו איך דען נישט אום מיט זיי אין פריעדען צו לעבען? באלד ווי אייער אלטער קעניג איז ערמארדעט געווארען, בין איך געוועהן דער ערשטער, וואס האב פארגעלעגט אז דער פרינץ בן־הדור זאל מיט מיר צוזאמען פיהרען דאס קעניגרייך. אבער ער האט זיך ענטזאגט און נאך מעהר: ער פעראייניגט זיך מיט אונזערע פיינד געגען אונז אויף־צו שטעהען! דאן האב איך געוואלט הייראטהען די קעניגין צפורה און האב געוואלט די הערשאפט מיט איהר זיך טהיילען, אבער אויך זי האט מיין אנטראג צוריק געוויזען. שוין 10 יאהר אז זי זיצט געפאנגען אין אלטען קעניגליכען שלאס און נאך ווילינגט זי נישט איין מיין פרוי צו ווערען! אבער דער מעכטיגער קעניג חנון וועט נישט לאזען פון זיך חוזק מאכען! האב איך רעכט, אמון?

אמון: איך וויל האפען אז דער קעניג וועט זיין א שופט־צדק און וועט מיט חסד זיין טראהן בעציערען...

חנון: אבער ווער איז דאס דער בעטלער וועלכער האט דאס פאלק אויף־גערייצט געגען זייער קעניג?

אמון: (קוקט ארויס) אט קומט ער! לאז דער קעניג אליין מיט איהם רעדען.

(שלמון קומט אריין)

חנון: נישט איך, נאר מיין שווערד וועט מיט איהם רעדען! (ער ציהט זיין שווערד געגען שלמון, ער קוקט איהם שטארק אין די אויגען, ער ציהט זיך שרעקענד צוריק און זעצט אריין לאנגזאם צוריק די שווערד אין איהר שייד אריין) אך זיין

געשטאלט ערריגערט מיר דעם גייסט פון מיין ברודער! (פויזע) דאך, זאל עס זיין ווער עס וויל ער דארף נישט לעבען!.. זאג נאר אלטער, ווער ביסטו?

שלמון: דער קעניג פון חבור!

חנון: (ערשראקען) דער קעניג פון חבור? (אויך אמון ערשרעקט)

שלמון: נו, וואס האט איהר איך אזוי דערשראקען? נישט פאר יעדען קעניג דארף מען מורא האבען... איך בין דער קעניג פון די בעטלער. אראביען איז בערוהמט מיט זיינע בעטלער און איך בין זייער קעניג.

חנון: (בערוהיגט) ביסט דו דער בעטלער־קעניג? און וואס טהוסטו דא?

שלמון: איך בין געקומען אויסבעטען דאס לעבען פון צוויי אונשולדיגע מענשען.

חנון: דאס איז פאר א בעטלער א צו גרויס פערלאנגען!

שלמון: איך בין דאך אבער דער ק ע נ י ג פון די בעטלער.

חנון: און ווער האט דיך געמאכט, פאר זייער קעניג?

שלמון: דער קעניג אלער קעניגע.

חנון: (מיט פערבארגענעם באזהאפט). אלטער! דו האסט חן אין מיינע אויגען און איך ערלויבע דיר שטעטס צו קומען אין מיין קעניגליכען פאלאץ. אלץ וואס וועט אבפאלען פון מיין טיש זאל קיין אנדערן נאר דיר אליין געהערען!

שלמון: ניין! איך בעטעל נישט פאר זיך אליין... איך בעטעל נאר שטענדיג פאר מיין פאלק!..

חנון: און דו אליין פון וואס לעבסטו?

שלמון: זיבעצעהן יאהר שוין לעב איך אויף א נ'אינזעל נאר פון בלויז בעטען און האפען...

חנון: (קוקט איהם פערדעכטיג אן) נענוג!... אמון! איך בעפעהל אז דער אלטער זאל געבראכט ווערען אין מיין קעניגס־שלאס נאך חימה. מיט דער ערשטער שיף זאל מען איהם אהין ברענגען! לעב וואהל אלטער! און פערלויף פון דריי

מאַגען וויל איך דיך אין מיין שלאָס זעהען. לעב וואָהל אָמון! איך פערלאַנג פּינקטליכע ערפולונג! (אָב געהענד, ביי זייטע) דער אַלטער קומט מיר זעהר פערדעכטיג פאָר! ער מוז צוזאַמען מיט דער שיף פערברענט ווערען! (אָב)

אמון: (וועלכער האָט די גאַנצע צייט זיך איינגעהערט זייער רעדע און בעמערקט דעם אַלטענס יעדע בעוועגונג איז ענדליך צו:) ניין! ניין! לענגער האַלט איך עס נישט אויס! מיינע אויגען זענען נישט זיכער, אָבער מיין הערץ זאָגט מיר אויף זיכער אַז דו ביסט מיין קעניג שלמון בן עמיאל!... (ער קניעט).

שלמון: (העבט איהם אויף) נישט לאַנג ערשט ביזטו אַזוי געלעגען פאַר יענעם טיראַן, וואָס איז זיכער אַז ער האָט אייער קעניג ערמאָרדעט, וועלכער האַלט אייער קעניגין ביי זיך געפאַנגען און וועלכער האָט שוין נישט איינמאָל געוואָלט אייער קרוין־פּרינץ בן הדור ערמאָרדען.

אמון: אָבער ווי קונסטפאָל, מיין קעניג, דו האָסט זיך פערמאַסקירט! עס איז דיך אונמעגליך צו דערקענען. און וואָס איז דאָס, אייגענטליך, מיט דיר געשעהן? קאָנסטו עס, קעניג, דיין טרייען קנעכט ענטדעקען?

שלמון: איך וויים, אָמון, דו ביסט מיר טריי... איך וויים עס פון לאַנג, אַלזוי הער: מיט 17 יאָהר צוריק, ווען איך בין זיעגעס־פול צוריק פון דער מלחמה, געגען די אַראַבער, אין באַגדאַד, און בין צוזאַמען מיט מיין דאַמאַלס פער־טרויעטען ברודער, חנון, אין איין שיף געפאָהרען, האָט ער מיך, אונערבאַרמונג, אין מיטען מעער אַרויס גע־וואָרפען פון דער שיף. אָבער דורך גאָטעס וואונדער האָב איך מיך געפונען אַם צווייטען־טאָג אויף אַ ווילדע אינזעל. דאָרט האָב איך פערבראַכט 17 יאָהר. ווי אַזוי איך האָב דאָרט געלעבט? קענסטו דערקענען אין מיין אויסזעהען... פאַר איניגע טעג האָב איך דערזעהען אַ קויפמענישע שיף

פאַראיבער געהן, און אין גאָטעס נאָמען האָב איך מיך אַריין געוואָרפען אין די גרעסטע וועללען און זיי האָבען מיך אַהין געטראָגען לעבעדיג צו דער שיף. און אָט זעהסטו מיך דאָ: אַלט, פערווילדעט, אָבער איך לעב! הערסט אָמון? איך לעב! און דו אָמון טהו דעם מערדערס בעפעהל, און ברענג מיך אין זיין פּאַלאַץ. אַלס בעטלער וועל איך קומען אין זיין הויז אָבער אַלס קעניג וועל איך פון איהם ראַכע נעמען! קום אָמון אין גאָטעס נאָמען. טויט דעם קעניגס־מערדער! קום, לאָמיר רעטען די קעניגין צפורה און דעם פּרינץ **בן הדור**! (ביידע אָב לינקס. לפידות קומט אָן פון רעכטס)

לפידות: בנאמנות שלי, ווי איך בין אַ יוד דאַצו, עס איז אַ געשעפט. (קוקט זיך אַרום און רופט) קום אַריין יונגערמאַן! האָב קיין מורא נישט עס איז קיינער נישטאָ! (בן הדור קומט אַריין פערשטעלט אַלס פישער) זעץ דיך אַנידער און ערקלער מיר נאָך אַמאָל: ווי אַזוי האָסטו ערמאָרדעט דעם פּרינץ בן הדור? בנאמנות שלי, ווי איך בין אַ יוד דאַצו אַז עס איז אַ געשעפט. דאָ קען אַרויס אַפּאָר שענע מטבעות אַחוץ כבוד וגדולה...

בן הדור: (געקליידעט אַלס פישער און פערשטעלט מיט אַ בערדעל) הער מיך אויס לפידות! איך בין אַ פישער געזעלען, און האָב געהערט צווישען מיין חברה דערצעהלען אַז דער קעניג האָט אויסגעזעצט אַ פּרייז פון 1000 דרכי זהב, פאַר דעם וואָס וועט ערמאָרדען דעם פּרינץ.

לפידות: בנאמנות שלי, ווי איך בין אַ יוד דאַצו, דערצעהל ווייטער! עס איז אַ געשעפט!

בן הדור: איינמאָל פאָהרענדיג מיט מיין שיפעל פיש כאַפּען, האָב איך דערזעהען ווי אַ יונגערמאַן דרעהט זיך בי'ם ברעג און רופט מיך איך זאָל צו איהם אַריבער קומען. איין שפרונג מיט מיין שיפעל און איך בין שוין נעבען

איהם. זאָגט ער צו מיר: וויפיעל ווילסטו זאָלסט מיך אַריבער פיהרען מיט דיין שיפעל נאָך חימה? איך וויל זאָגט ער דעם קעניג זעהען. און פון אַוואָרט צו אַוואָרט בין איך ערפאַהרען אַז ער איז דאָס דער פּרינץ בן הדור און אַז ער וויל דעם קעניג טויטען, און זיין מוטער פון געפענגעניס בעפרייען. איך האָב נישט לאַנג געקלעהרט און מיט איין שטויס האָב איך איהם מיט מיין דאָלק זיין ברוסט אַדורך געשטאָכען. אַלץ וואָס ער האָט ביי זיך געהאַט האָב איך צו גענומען און דעם טויטען קערפּער זיינעם האָב איך אין וואַסער אַריין געשליידערט.

לפידות: בנאמנות שלי, ווי איך בין אַ יוד דאַצו. אַ גוט געשעפט. די פישעלעך וועלען זיך אויס פּאַשען מיט פּרינצען־פליישׁ... יאָ, אָבער מיט וואָס וועסטו דאָס קענען דעם קעניג איבערצייגען?

בן הדור: צווישען די זאַכען וואָס איך האָב ביי איהם געפינען איז אויך געוועזען אַ מעדאַליאָן מיט זיין בילד. (ווייזט דאָס מעדאַליאָן) אָט! נו, דערקענסט איהם?

לפידות: (בעטראַכט דאָס מעדאַליאָן) בנאמנות שלי, ווי איך בין אַ יוד דאַצו, אַז דאָס איז ער מיט די ביינער. זאָג זשע מיר נאָר מיין ליעבער פישער לעבען, וואָס זשע ווילסטו אייגענטליך?

בן הדור: זאָלסט מיך פאָרשטעלען פאַר דעם קעניג.

לפידות: בנאמנות שלי ווי איך בין אַ יוד דאַצו, דו ביסט גאָר קיין נאַר נישט... גוט. און וואָס וועל איך האָבען דאַפון?

בן הדור: די טויזענד דרכי זהב וואָס דער קעניג וועט געבען, וועלען געהערען צו דיר.

לפידות: און וואָס וועסטו דאַפון האָבען?

בן הדור: איך וויל נאָר דעם כבוד און די מצוה.

לפידות: בנאמנות שלי ווי איך בין אַ יוד דאַצו, אַז ער איז

אַ טהייערער פרייער. אַ שען פנים קאָן ער האָבען פון מצות מיט כבוד... נאָר אויך מיין דאגה. דער קעניג דאַרף די טעג צוריק קומען פון באַגדאַד וועסטו קומען צום פּאַלאַץ וועל איך דיך פאַר איהם פאָרשטעלען. דערווייל וואַרט דאָ אויס. איך לויף ברענגען אַביסעל וויין, וועלען מיר טרינקען לחיים צום נייעם געשעפט. בנאמנות שלי, ווי איך בין אַ יוד דאַצו. (אב)

בן הדור: גאָט! העלף מיר מיין פּלאַן אויס צו פיהרען! העלף מיר איך זאָל מיך קאָנען נוקם זיין פאַר מיין פאָטערס אונשולדיגע בלוט! און איך זאָל קאָנען מיין מוטער בעפרייען! גאָט שטעה מיר ביי!

(פויזע) איך בין זיכער אין גאָטס הילף איך זעה עס גליקט מיר אין יעדער זאַך, אויך די שענע פישערין האָט מיר צו געזאָגט בייהילפיג צו זיין איך זאָל האָבען צו טריט אין פּאַלאַץ און איך בין זיכער אַז איך וועל מיין צוועק ערריינכען... (זינגט)

I.

דאָרט אין הימעל זעה איך שטענדיג,
קליינע שטערענדליך, ליכטיג אָהן אַ שיעור,
און איינעם זעה איך זעהר ווייגענדיג,
וואָס קוקט טרויעריג אַראָב צו מיר...
אָ שטערענדל זאָג מיר, פון דער ווייט:
וואָס בעדייט, אָ! דיין טרויערקייט?
דו שטערענדיל קליינס איך פרעג עס דיר:
וואָס איז מיין צוקונפט? זאָג עס מיר!
צו וועל איך בעגליקען, אָדער ניין?
איך פרעג עס ביי דיר מיט גרוים געוויין!
„שרעק גאָר נישט, ס'וועט דיר זיין גוט!" —
ענטפערט מיר דאָס שטערענדל פון דער ווייט —
„פערליער קיין מוטה, זיי נאָר בערוהט,
איך וועל דיך העלפען צו יעדער צייט!"

II.

פלוצלונג דערזעה איך דעם הימעל שפאלטענדיג,
א'נ'ערשיינונג צו מיר זיך בעווייזט,
און צוויי מלאכים'לעך דארט צו האלטענדיג,
האב איך דערזעהען מיין פאטערס גייסט.
א שטימע האב איך אויך געהערט:
„נעם ראבע! ער האט עם די ווערטה.
„ערמארדעט דיין פאטער האט חנין,
„געפאנגען דיין מוטער האט דער טיראן!
„גאט וועט דיך העלפען, מיין ליעב קינד,
„ראבע צו נעמען פון איהם געשווינד,
„פערשוויינ נאר נישט דיין פאטערס בלוט! —
האט דער גייסט געברילט צו מיר פון ווייט —
„ראבע נעם! פערליער קיין מוט,
„איך וועל דיך העלפען צו יעדער צייט!
(אב).

לפידות: (שכור מיט א קריגעל ווייןֿ) זייט מיר מוחל יונגערמאן, איך האב געהאט א קריגעל וויין אין שטוב, איז עס... (ער קוקט זיך אום) וואו איז ער ערגעץ אהין געקומען? ער איז גאר נישטא! (זוכט איהם) פערלוירען געווארען ווי אין וואסער אריין! (בייגט אוים דאס קריגעל) אויך נישטא?! אויך אויסגעטריקענט געווארען? מילא דער יונגערמאן האט פים איז ער אוועק געגאנגען, אבער וואו איז אהין געקומען דער וויין פון דעם קריגעל?.. הא?.. א איך דערמאן מיך... געהעני־דיג אויפ'ן וועג האט זיך דער וויין אוים געגאסען, אמת... בנאמנות שלי, ווי איך בין א יוד דאצו אז אוים צו גיסען וויין איז גאר נישט קיין שלעכט געשעפט... אבער טאקע נאר אין מויל אריין... בנאמנות שלי ווי איך בין א יוד דאצו. (זינגט)

1

דאס ביסעלע וויין איז זעהר גוט,
עס שטארקט און ווארעמט אויף דאס בלוט.
מען ווערד נאכדעם א'נ'אנדערער ווי פריהר...
און ס'וויל אויבעט כאפען אריין,
דער אנדערער מענש א ביסעל וויין
און איך טרינק פאר יענעם, אויך פאר מיר..
איך טרינק מיר אן ווי א טאטע
און פאל אניעדער ווי א פערד...
איך האב די וועלט אין דער פיאטע
און אויך מיין וויייבעלע טיעף אין ד'ר'ערד!
(רעפריין) א ביסעלע וויין,
זאל אימער זיין,
ס'איז זעהר פיין
אז מ'קנאקט אריין,
דאן האט מען גאר רוה!
בנאמנות שלי, ווי איך בין א יוד דאצו!

2

מיין משפחה איז געוועזען גרוים,
איך קום פון יחסנים ארוים:
רבנים גאונים, גרויסע טרינקער אויך;
זיי זענען טויט שוין אוי א קלאג!
ך'האב יאהרצייטען אלע טאג,
און איך מאך א קנאק אז עס געהט א רויך.
פאר די טהייערע נשמות
און זייערע גרייז גראע בערד...
און איך זיפ אהן רחמנות
און האב זיי אלע טיעף אין ד'ר'ערד!

(רעפריין)

אַ ביסעלע ווײַן א. ז. ו.

3

אַ שוויגער האָב איך אַמאָל געהאַט ;
איך בין געוועזען מיט איהר שטענדיג בלאַט ..
און פון איין פלאַש האָבען געזויפט זי און איך ,
דעם ווײַן האָב איך געבראַכט
און פערבײַסען האָט זי געמאַכט ,
נאָר אַוועק איז זי פון דער וועלט צו גיך !
איך וואָלט בעדאַרפט קריעה רײַסען ,
אוי אַ'נ'אונגליק איז מיר באַשערט :
איך מוז הײַנט טרינקען אָהן פערבײַסען ,
און איך האָב מײַן שוויגער טיעף אין דרערד !
(רעפריין)

אַ ביסעלע ווײַן א. ז. ו.

4

איך בין געוועהן אַמאָל אַ קנעכט ,
בײַ אַ גביר , אַ פעטען העכט .
און ער פלעגט די קנעכט צו דריקען :
זײַ האָבען געאַרבײַט טאָג און נאַכט
און קוים האָט איינער נאָר ערוואַכט ...
פלעגט ער איהם באַלד דערשטיקען ...
נאָר איך בין געוועזען פליגק
און אַ מיטעל האָב איך דערקלערט :
נעטהון האָב איך ווײַן אַ טרינק ,
און געהאַט איהם טיעף אין ד'ר'ערד !
(רעפריין)

אַ ביסעלע ווײַן א. ז. ו.

5

מײַן הערר איז אײַזען שטאַרק
אַ בויך מיט אַ פעטען קאַרק
און אײַזערנע הענד צו ס'איז אַ שרעק
פרעסט מענשען-פלייש אויפן פוד
און טרינקט נאָר מענשען-בלוט
און מאַכט פון זײַן לאַנד אַ'נ'עק ...
אויך זײַנע לאַפּעטוטען ,
הערשען נאָר מיט דער שווערד ...
עס וועט זיי גאָרנישט גראָטהען
מען האָט זיי אַלע טיעף אין ד'ר'ערד ...
(רעפריין)

אַ ביסעלע ווײַן א. ז. ו.

(רחמה קומט אַרײַן)

רחמה : צפרא טבא ! דעם אַלטען לפידות .

לפידות : אַ גוט מאָרגען דיר כשרה מלומדת . וואָס האָסטו דיך הײַנט אַזוי שען אויסגעפוצט ?

רחמה : אונזער פרינצעסין עלמות האָט הײַנט אײַנגעלאַדען אַלע מיידלעך פון חימה צו דעם פיש-פאַנג , נו זאָל רחמהלע נישט מיט זײַן ?

לפידות : זעהר שען . זאָג מיר נאָר , רחמהלע , אפשר וואָלסטו אויך מיך געכאַפּט אין דײַן נעטץ ?

רחמה : איך מײַן : איידער צו כאַפּען אַזאַ אַלטען גרויען פיש וואָס שמעקט שוין נאָך דער ערד , איז בעסער צו פאַנגען אַ יונג פישעלע , אַ גאָלדענם , עס זאָל זײַן אַ מחיה אָנצוקוקען . און אויף דיר , פעטער , וועל איך דערצעהלען דער טומען אַז דו מאַכסט ליעבעס ערקלערונגען יונגע מיידלעך . וועט זי דיר מיט די נעגעל אָבקראַצען די ליסקעס פון

דײַן פּנים, װעסט דו אויסזעהען װי אַ'נ'אָב'געשעלטער הערינג! פערשטעהסט?

לפידות: עה... דו װעסט עס מיר נישט טהון. דו װילסט דאָך איך זאָל דיר געבען מײַן זוהן פאַר אַ חתן.

רחמה: דו דאַרפסט מיר נישט געבען. איך האָב מיר איהם שוין אַלײַן גענומען. די חיות אין װאַלד, די פּעגעל אויף די בּעמער, די שטערען אויפ'ן הימעל און די פּיש אין װאַסער, זענען עדות אַז מיר האָבען זיך ליעבּע צו געשװאָהרען...

לפידות: איך װעל איהם מיט געװאַלט פון דיר אַװעק רײַסען.

רחמה: דאָס װעסטו אפילו נישט קענען!.. אַז דו װעסט קענען מיט פלאַמען אויסלעשען פײַער, מיט אַ נעץ אויף האַלטען דעם װינד, און מיט אַ האַק צו שפּאַלטען דאָס װאַסער דאַמאָלס װעסטו אויך קענען פון מיר רחמיאליקען אַװעק נעמען.

לפידות: רחמה'לע! פאַר דעם משל בּיסטו װערט איך זאָל דיר געבען אַ קוש. (זי אַנטלויפט, ער לויפט איהר נאָך און עס קומט איהם אַקעגען צרויה) מײַן טהײַער װײַבּעלע! איך האָב דיר געװאָלט שיקען מיט אונזער רחמהלען אַ פּאָר קיש. נאָר אַזױ װי דו בּיזט אַלײַן אָנגעקומען װעל איך זײ דיר אַלײַן אָבגעבען. (ער װיל זי קושען זי גיעט איהם 2 פּעטש)

צרויה: זעהסטו? איך האָב מיך אַלײַן מטריח געװעהן און האָב דיר אַהער געבּראַכט צװײ פּעטש און װיש דיר אָב דאָס מויל און שװײַג. און דיר רחמהלע װעל איך גאָר נישט טהון; איך װעל נאָר דערצעהלען רחמיאליקען.

רחמה: אָ װאַ! װאָס װעסטו דערצעהלען? אַז איך האָב זײַן טאַטען געקושט, װעל איך דערצעהלען אַז דו האָסט זײַן טאַטען געפּאַטשט...

צרויה: פּאַטשען דאַרף מען אַלע מענער, עס איז גאָר נישטאָ אַזױ פיעל פּעטש װיפיעל די מענער פערדינען.

רחמה: און איך זאָג אַז אײדער צו פּאַטשען זיך מיט װײַבּלעך

איז בּעסער צו לעבען מיט זײ װי די טײַבּלעך. (געזאַנג)

צרויה: איך זאָג: אַז אַ יעדער מאַן
איז אַ שרעקליכער טיראַן.
פאַלש זענט איהר אויף שריט און טריט
אוי מענער, מענער געװאַלט איהר זענט ניט גוט!

לפידות: איך זאָג: אַ גוט װײַב איז אַ גליק;
אַ גוט װײַב איז גאָר אַ'נ'אַנטיק.
אָבער אַז דאָס װײַב גלעט אין בּאַק
אוי טרעפען זאָל איהר שוין אַ שלאַק!

רחמה: און איך זאָג: אַז פּאַטשען און שלאָגען זיך איז נישט גלײַך;
עס איז נישט שען גאָר דאָס צו זעהן;
מענער און װײַבּלעך מוזען לעבען װי טײַבּלײַך.
זאָגט אַלײַן בּין איך גרעכט צו נײַן?

לפידות, צרויה: יאָ, רחמלה, דו האָסט רעכט
יאָ נשמה'לע דו זאָגסט ניט שלעכט;
דו בּיסט מײַן אײדעלע, אַ קלוג מײדעלע.
מיר װעלען פאָלגען װאָס דו זאָגסט...

רחמה: יאָ אַ ודאי האָב איך רעכט
יאָ אַ ודאי, איך זאָג ניט שלעכט
מענער און װײַבּלעך לעבען װי די טײַבּלעך
איז דאָך שען און פײַן.

לפידות, צרויה: יאָ אַ ודאי דו האָסט רעכט
יאָ אַודאי דו זאָגסט ניט שלעכט
מענער און װײַבּלעך לעבען װי די טײַבּלעך
איז דאָך שען און פײַן! (טאַרצעט)

רחמה: יאָ אַ ודאי האָב איך רעכט
יאָ אַ ודאי איך זאָג ניט שלעכט
מענער און װײַבּלעך לעבען װי די טײַבּלעך
איז דאָך שען און פײַן!

(טאַנצען אָב. פאָרהאַנג).

פֶערוואנדלונג

(דער הינטער גרינד ווייזט הימעל און וואסער, ליגקס זעהט זיך א טהורעם, באַר פון פישער מיידלעך, א טאַנץ, עלמות פון רעכטס.

באַר: ווי שעָן איז דער וואַסער־פאַל, וואַסער־פאַל.
נעמט די רודער אין די הענד,
רודערט נאָר ווי פיעל איהר קענט.
ווי שען איז דער פישער־פאַנג,
בעלעבט איהם, שוועסטער, מיט געזאַנג!

עלמות: (זינגט אונטער די קאַליסען און קומט אָן אויף א שיפעל)
מײַן האַרץ איז נאָר בײַ דיר
טרוי בלײַב זשע אויך מיר
ליעבער אָ! הערע צו
שוועבע ענגעל הערונטער דאָ
איך ערוואַרטע דיך מעהר ווי א שעה!
איך וויים דו ביסט אוף עוויג מיר טרײַ
אין אַלע געפאַהרען שטעה איך דיר בײַ.
מײַן הערץ אָ, ציהט זיך נאָר צו דיר,
קום זשע געליעבטער, קום שנעל צו מיר!
שנעלער צו דײַנע עלמות
איך בלײַב דיר אויף עוויג נאָר טרײַ!

(עלמות און רחמה געהען אַרונטער, די פישער מיידלעך טאַנצען אַרום איהר. און נאַכהער זאָגט זי):

עלמות: שוועסטער! מיר ערוואַרטען יעדע מינוט, ער זאָל צוריק קעהרן פון דער קריעג און איך וויל די ערשטע איהם עמפפאַנגען, דאַרום בעט איך אײַך איהר זאָלט אײַך אַביסעל צוריק ציהען און שפעטער וועלען מיר אַלע צוזאַמען איהם אַקעגען געהן. (די פישער מיידלעך טאַנצען אָב) אַציינד בין איך אַליין. דאָך מײַנע געדאַנקען, מײַן אַלעס געהער נאָר דיר מײַן געליעבטער. ווען די וועלען צאָרנדיג רוישען, ווען די שיפען ליאַרעמען אים

לויפען, הער איך אַלץ דײַן שטימע נאָר אַליין.

(בן הדור קומט אָן געקליידעט אַלס פישער אָבער אָהן א באָרד)

בן הדור: טהײַערער ענגעל, דו ערוואַרטסט מיך! זײַ מיר טויזענד מאָל געגריסט! (זיי אומאַרמען זיך).

עלמות: פאַר וואָס האָסטו מיך געלאָזט אַזוי לאַנג וואַרטען? מײַן טהײַערער. דו ווייסט דאָך אַז דאָס אָרעמע פישער מיידעל האָט קיין אַנדערע פריידע נישט נאָר ווען איהר פישער יונגע איז מיט איהר צוזאַמען...

בן הדור: טרײַע זעעלע דו ווערסט מיר פערצײַהען! איך מוז דיר יעצט אַ געהײַמניס ענטדעקען. איך האָב דיך גענאַרט...

עלמות: עס איז גאָר נישטאָ אויף דער וועלט אַ זאַך וואָס איך זאָל דיר נישט פערצײַהען.

בן הדור: זײַ וויסען, טהײַערע עלמות! אַז איך בין נישט דער אײַנפאַכער פישער געזעלען, ווי איך האָב מיך פאַר דיר פאָרגעשטעלט... איך בין... דער פרינץ בן הדור און אַלס פרינץ בעט איך דײַן האַנד!

עלמות: (צו זיך) פרינץ בן הדור! (צו איהם) און דו ליעבסט מיך? מיך אַ'נ'אָרעמעס פישער מיידעל?

בן הדור: די ליעבע ווייסט פון קיין קרוינען. די ליעבע זעהט נאָר דאָס הערץ, און קיין בעסערעס ווי דו האָסט, האָב איך נאָך אין מײַן לעבען ניע געזעהן.

עלמות: אַ'נ'אָרעמעס הערץ!

בן הדור: גענוג רײַך איז עס ווען עס איז גאַנץ, נישט צובראָכען ווי מײַנס! הער, עלמות: אַ טיראַן וועלכער רופט זיך „קעניג פון חימה" האָט ערמאָרדעט מײַן פאָטער, מײַן מוטער האָט ער געפאַנגען און זוכט נאָך אויך מיך אום צו ברענגען!

עלמות: (ערשראָקען) עס קאָן נישט וואַהר זײַן, פרינץ!

בן הדור: לײַדער איז עס וואַהר!.. אָבער נישט דערלעבען וועט ער דאָס... איך וועל מיך פריהר אין איהם נוקם זײַן.

עלמות: פרינץ! האב מיטלייד מיט דער ארעמער עלמות! לאז צורזה! דיין לעבען איז אין געפאהר!

בן הדור: עס גיבט קיין זאך אויף דער וועלט, וואס זאל ביי מיר הייליגער זיין ווי די נקמה אין דעם טיראן.

עלמות: אויך נישט דיין געליעבטע עלמות?

בן הדור: דו דארפסט מיך נישט צוריק האלטען, ווען דו ליעבסט מיך.

עלמות: ווען דו זאלסט מיך אפילו דורך דעם טעטען?

בן הדור: איך פערשטעה דיך נישט!

עלמות: איך וואלט עס דיר ערקלערען, אבער דו וועסט מיך פערהאסען!

בן הדור: קיין זאך אין דער וועלט איז נישט אומשטאנד צו שוועכען מיין ליעבע צו דיר.

עלמות: ווען איך זאל אויך זיין זיינס א פריינדין?

בן הדור: זאגאר א טאכטער...

עלמות: שווער זשע מיר צו אז דו בלייבסט מיינע אויף עוויג.

בן הדור: איך שווער עס דיר! (זינגען)

עלמות: דו שווערסט, דו שווערסט, איך הער,
טא וואס זשע דארף איך מעהר;
איך קאן שוין רוהיג זיין,
איך וויים דו ביסט שוין מיין
פאהר דיר פאהר ווי גיך
נאר האלט מיין הארץ מיט זיך
און געדענק נאר שטעטס דאביי:
אז איך בלייב דיר עוויג טריי.

ביידע: מיינע געדאנקען — ווען איך בין אליין —
געהערען נאר דיך געליעבטער מיין;
אם שענעם פריה־מארגען ווען די זאננע שטראהלט
ביי נאכט אז דער מאנד מיט זילבער מאהלט
דאן דענק איך נאר אן דיך אליין

געליעבטער (געליעבטע) מיין

בן הדור: ביי טאג, ווען דער שטויב, אין דער לופט נאר טאנצט;
ביי נאכט, ווען דער מאנד איבערן שאטען גלאנצט,
זעה איך דיך נאר אליין
געליעבטע מיין.

עלמות: ווען די וועלען ווי צארניג רוישען

בן הדור: און די שיפער נאך דעם ווינד לוישען,

ביידע: זעה איך דיך אליין,
געליעבטער מיין.
מעגסט זיין פון מיך ענטפערע,
וויים, הויך איבער די שטערען
בין איך נאר ביי דיר, געליעבטער מיין,
טהייערער געליעבטער בלייבסט עוויג מיין
דו בלייבסט נאר מיין,
איך בלייב נאר דיין! (אומארמען זיך)

צרויה: (קומט אריין צו לויפען) געוואלט! ראטעוועט! א שיף ברענט אויפ'ן ים! א'נ'אלטער מאן איז צו געבונדען צום מאסט בוים! רעטעט איהם! (בן הדור און עלמות לויפען זעהען)

בן הדור: יא איך זעה מען מוז איהם רעטען! (לויפט אויף דעם שיפעל)

עלמות: איך מוז איהם צו הילפע קומען (ביידע אב מיט'ן שיפעל)

צרויה: (זיי נאכקוקענד) גאט! זיי זאלען איהם נאר דער־ראטעוועןǃ א זיי זעגען ארויף אויף דער שיף! זיי בינדען איהם אב! (פון אונטער די קאליטען הערט זיך געשרייען און קנאקען פון פייער, באלד קומט אן א שיף. שלמון צו געבונדען צו מאסט־בוים בן הדור און עלמות שניידען איבער די שטריק, כאפען אראב דעם אלטען פיהרען איהם ארויף אויף דער ביהנע אלע דריי ראטעווען איהם, ער קרעכצט. באלד דארויף עקספלאאטירט דער קעסעל עם שיסט פייער און איסקרעס)

פארהאנג.

ענדע 1 אקט.

צווייטער אקט.

(שטעלט פאר א גארטען. לינקס הנון'ס פאלאץ, רעכטס א שלאס וואו עס זיצט געפאנגען די קעניגין צפורה. פון ביידע זייטען בוימער אין דער מיטט א טויבען-שלאג. שלמון זיצט אן דער זייט, אויף א גראז באנק, און זינגט.)

איך וואהר אין סכנות,
האט רחמנות,
ווער עס האט ישרנות.
העלפט מיר אויס אין דער נויט!
א בעטלער נישט פון געבוירען;
איך בין עס נאר געווארען!
זוער וואלט עס גאר דענקען:
אז מיר זאל מען דארפען שענקען
צום עסען א שטיקעלע ברויט!
א גרויס איז מיין נויט!
וויים פון דעם לעבען,
זוויים פון דעם שטרעבען,
זוויים אויף א'נ'אינזעל בין איך געוועהן,
אויף דער ערד געזעסען, דערנער געגעסען
קיין לעבעדיגען מענשען האב איך נישט געזעהן!
איך וואר באלד פערפאלען!
נאר דער גאט פון אלען,
האט מיר געהאלפען, א נס איז געשעהן.
העלפט מיר מענשען, א גוטע מענשען!
אין מיין פיין
לאזט אין א שטוב צו אייך מיך אריין.
גיעבט מיין שוועכען גרויען קאפ א שטיקעל ארט,
בעלוינען וועט מען עס אייך פון דארט...

שענקט א נדבה זיין וועט איהר רייך
נישט קיין וואהלטאג ביי אייך!
איך וואהר אין סכנות! (ביז: „גרויס איז מיין נויט).
דארט אין דעם שלאס איז מיין קעניגין געפאנגען, און דער ברודער-מערדער זיצט אויף דעם טראן! א ראכע! פירכטערליכע ראכע וויל איך האבען, די גאנצע ראכע פון דעם אל קנא ונוקם וועל איך אראב רייסען פון הימעל און אויף זיין קאפ שליידערען. יא אויף דיין קאפ, חנון! דו שענדליכער טיראן!

עלמות: (קומט אן פון פאלאץ) אלטער! דא אויף דעם געפערהרליכען ארט? הער מיך אוים, אלטער! איך האב דיר דיין לעבען גערעטעט און דערפאר איז עס ביי מיר טהייער, איך בעט דיך: מייד אוים דעם פלאץ! דא איז דיין לעבען קיין איין אויגענבליק נישט זיכער!

שלמון: פאר מיין לעבען האב איך קיין מורא נישט, דען וואס פאר א ווערטה קאן האבען דאס לעבען פון אזא אלטען בעטלער ווי איך בין? דאך דיר צו ליעב דו זאלסט דיך נישט ערגערן געה איך אוועק פון דאנען. אבער איך זאג דיר נישט צו איך זאל מעהר נישט קומען...

עלמות: אויף מארגען זאל גאט זארגען. נאר דערווייל, בעט איך דיך זאלסט פון דאנען אוועק געהן!

שלמון: איך וועל געהן, נאר גיעב מיר, איך בעט דיך מיט דיין ברכה אויף דעם וועג.

עלמות: ווען די ברכה פון א קינד האט ביי דיר א ווערטה וועל איך זי דיר נישט פערוויינגערן. קום אלטער! איך ווינש דיר אז אויף אלע דיינע וועגען זאל דיר גאט ביי שטעהן! (ביידע אב).

(רחמה קומט אן פון פאלאץ)

רחמה: פרינצעסין! פרינצעסין עלמות! (צו זיך) זי איז אזוי שטארק פערטיעפט מיט דעם אלטען בעטלער, אז זי

הערט גאָר נישט ווי איך רוף זי. עס איז איהר גאָר גישט צו פערשטעהן. וואו נאָר אַ בעטלער, וואו נאָר אַ קבצן, וואו נאָר אַ דלות איז איהר גוטער ברודער... האָט זי דערזעהען אַ פישער יונג, אַ דלות, האָט זי זיך אין איהם פערליבט איבער די אויערען, און צייט דער יונגער דלות איז פערשוואונדען געוואָרען האָט זי זיך ווידער אָב געזוכט אַ נ'אַלטען בעטלער און האַלט איהם אין איין נאָכלויפען. מיר דאַכט זיך: ווען איך זאָל זיין אַ פרינצעסין וואָלטען אַזאָלכע בעטלער נישט דערלעבט מיין שוועל איבער צו טרעטען... נאָר ווי אַזוי ווערד מען אַ פרינצעסין? אוי געוואַלט איך וויל זיין אַ פרינצעסין! (זי זינגט)

1.

ווען איך זאָל ווערען אַ פרינצעסין,

פון דער העלער הויט.

וואָלט איך טאָג און נאַכט געגעסען,

באָרשט פון זויער קרויט.

אַ גאַנצען טאָג נאָר געטאַנצט געשפרינגען,

פרעהליך וואָלט איך זיין;

דאָזשענקעס וואָלט איך געשלינגען,

וויפיעל עס קאָן אַריין;

געטרינקען וואָלט איך עפעל־קוואַס,

אַ גאַנצען קריוג אַ טאָג.

איהר מעגט מיר גלויבען, איך מאַך קיין שפּאַס,

ס'איז אמת וואָס איך זאָג.

איך קאָן דאָס אָבער נאָר דערלעבען,

ווען איך זאָל אַ פרינצעסין זיין

אוי אַ פרינצעסין, איהר מעגט מיר גלעבען

איז זעהר שען און פיין!

2.

ווען איך זאָל ווערען אַ פרינצעסין,

אין דעם אויגענבליק:

וואָלט איך באַלד זיך גוט איינפרעסען:

די טאַליע מיט אַ שטריק;

איך וואָלט מיך קליידען פיין און שען:

אין סאַמעט און אין זייד;

מיט רויטע סטענגעס וואָלט איך געהן,

מ'זאָל מיך זעהען פון ווי וויַיט;

און פעדערן וואָלט איך מיך פערציערען,

און געטראָגען זיך פערשייט;

אַרום געלאָפען וואָלט איך שפּאַצירען:

מיט די שענסטע יונגע־לייט.

אוי די אַלע זאַכען כ'לעבען,

זענען זעהר פיין;

איך קאָן דאָס אָבער נאָר דער לעבען,

כ'זאָל אַ פרינצעסין זיין!

(לפידות קומט אָן)

לפידות: מיין טהייער קעלבעלע! וואָס האַלסטו אין איין שרייען: פרינצעסין?

רחמה: איך האָב זי ליעב.

לפידות: וועמען זשע האָסטו ליעבער? איהר, צי דאָס יונגע גאָלדענע פישעלע?.. געדענקסט נאָך וואָס דו האָסט מיר נעכטען געזאָגט?

רחמה: אָבער אַ מחותן דאַרף נישט וויסען פון ליעבע.

לפידות: זאָג זשע מיר רחמלה: איך בין דאָך זיין טאַטע. וועל איך אויך דיינער ווערען?

רחמה: זאָלסט זיין אַליין וואָלט איך דיר זאָגען...

לפידות: (קוקט זיך אַרום) איך זעה דאָך קיינעם נישט אַרום זיך...

רחמה: ווייל דיין גוטער ברודער האָט דיר די אויגען פערשטעלט...

לפידות: דו מיינסט אודאי אז איך בין שכור? (עס הערט זיך חנון'ס קול) אָ דער קעניג קומט! גיה געשווינד אוועק פון דאנען. איך דארף עפעס מיט איהם רעדען. עס איז א סוד פאר דיר.

רחמה: (צו זיך) איז עס א סוד דארף איך טאקע וויסען. (צו איהם) גוט, גוט, איך גיה! (זי בעהאלט זיך אונטער'ן בוים). (חנון קומט אן פון פאלאץ).

חנון: ביסט דא לפידות? וואו זשע איז דער שקלאווע? איך וואלט עס וועלען פון איהם אליין הערען!

לפידות: אז לפידות זאגט, איז געזאגט, אט וועט ער באלד קומען. איך האב איהם בעשטעלט, ערווארט דארט אונטערן טויער. (ער שרייט ארויס) גראבער פישער יונג! קום אריין! (בן הדור מיט דער באָרד) גרויסער קעניג! דא איז דער פישער וועלכער האט עס מיר דערצעהלט.

חנון: לפידות! גיה! לאז אונז אליין.

לפידות: געהן? איז געהן! איך קאן טאקע אויף די פיס נישט שטעהן. (געהט אב).

חנון: זיי מיר ווילקאמען טאפפערער העלד! פון היינט אן ביסטו מעהר קיין שקלאווע. איך שענק דיר די פרייהייט.

בן הדור: די פרייהייט ביים געבוירענעם שקלאווען שפיעלט א קליינע ראָלע. די פרייהייט האט נאר א ווערטה ביי דעם וואס ווייסט זי צו שעצען. איך האף אונ ערוואַרט פון דיר א בעסערען לוין...

חנון: און דו וועסט עס בעקומען. נאר דערצעהל מיר פריהער ווי אזוי האסטו דעם פרינץ ערמאָרדעט?

בן הדור: גאנץ איינפאך: גאנצע דריי מאָנאטען האב איך איהם נאך שפיאָנירט. און נאך שווערער מיה און פיעל ארבייט איז עס מיר געלונגען צו פאקען איהם. מיט קונצען בין איך ערפאהרען פון איהם אז ער האט זיך פערשוואָהרען דיך מיין קעניג צו טויטען, אז ער ערווארטעט דיין

אנקונפט ביים מעער אום דיין טהייערעס לעבען צו רויבען. און אזוי האב איך איהם אבגעהיט אויף שריט און טריט, ביז איך בין איהם ענדליך איבערפאלען און איין שטוים... און מיין דאלך האט אין זיין ברוסט געשטעקט. מיט א לעצטען שטימע האט ער אויס געשריען: חנון, חנון! דו געמיינער נידעריגער שופט! מערדער פון מיין פאטער! פייניגער פון מיין מוטער! איך ווייס אז דו האסט גוט בעצאהלט פאר מיין טויט! אבער ווארט דו באנדיט! דאס אונשולדיגע בלוט וועט פון דיר ראכע נעמען! און מיט די ווערטער איז ער געפאלען טויט. איך האב ביי איהם ארונטער גענומען דאס מעדאליאן (ווייזט עס) און זיין טויטען קערפער האב איך אריין געווארפען אין וואסער.

חנון: זעהר גוט, זעהר גוט האסטו געטהון, און דו בעקומסט דערפאר מיין טאכטער אלס פרוי.

בן הדור: איך דאנק דיר גענעדיגער קעניג! שפאס נישט פון א'נ'ארעמען שקלאווען.

חנון: קיין שפאס! פערגעס דיין געבורט! פון היינט אן ביסטו א פרינץ און דאס דארפסטו געדענקען.

בן הדור: איך וועל מיך מיה געבען דיין בעפעהל צו ערפולען, און איך האף אז איך וועל מיך קענען האלטען ווי א פרינץ.

חנון: אלזוי טהייערער פרינץ! הער וואס איך פערלאנג פון דיר: צפורה די מוטער פון דעם ערמאָרדעטען פרינץ זיצט אין מיין שלאס געפאנגען. גיה צו איהר און שטעל דיך פאר אלס פריינד פון איהר פערשטארבענעם זוהן. זאג איהר אז דו ביסט געוועהן ביי זיין אבשטארבען און אז זיין לעצטער וואונש איז געוועהן אז זיין מוטער זאל מיך הייראטהען. אום עס זאל אין לאנד צוריק קעהרען גליק און פריעדען.

בן הדור: איך זאָל געהן צו דער קעניגין?.. (פויזע) צו דיין בעפעהל קעניג! און וואו איז זי?

חנון: פאַרלייפיג געה אין מיין פּאַלאַץ. לפידות וועט דיך איבער קליידען אַלס פּרינץ און שפּעטער וועל איך זי הייסען אַרוס פיהרען צו דיר.

בן הדור: מעכטיגער קעניג! זיי זיכער אַז איך וועל קיין מאָל נישט פערגעסען מיין שטאַם... און וואָס דו האָסט אין מיר געטהון. און וועל נאָר שטענדיג טראַכטען צו בעלוינען דיר פאַר דיין טהאַט... איך וועל קיינמאָל נישט פערגע־סען אַז איך בין אַ פּרינץ און ווי אַ פּרינץ וועל איך מיט אַלעמען האַנדלען. (אָב אין פּאַלאַץ)

חנון: שווער איז די קעניגליכע קרוין! מען מוז ציטערען פאַר יעדע פאָלקס־בעוועגונג... ליידער אָבער צוריק צו כאַפּען איז שוין צו שפּעט! דער פּרינץ בן הדור איז טויט!.. ראַבע וועט דאָס אונשולדיגע בלוט פון מיר פאָדערען!.. דאָס פאָלק ווערד וואָס אַמאָל מעהר אויפגעבראָכען!... וואָס האָב איך געטהון? צו וואָס? צו ווען?.. וואָלט איך כאָטש קענען מיין צוועק אויספיהרען... אָבער זי איז נאָך מעהר איינגעשפּאַרט ווי מיין ברודער איז געוועהן... איך בעריי‌הע עס! אָבער פערפאַלן! צוריק כאַפּען איז שווער!... וואָלט איך כאָטש קענען די קעניגין אין מיין נעץ כאַפּען! ווען זי זאָל מיין זיין, זי זאָל מיט מיר הייראַטהען, וואָלט אויך דאָס פאָלק איינשטימען!.. (פויזע) יאָ! אַזוי מוז עס זיין! אַלץ וועל איך אָנווענדען און זי מוז מיינע זיין. זי מוז און וועט מיינע בלייבען! ביז אין בלוט וועל איך געהן און פון מיינע הענד וועל איך זי נישט אַרויס לאָזען. (ער לויפט אָב ערעגט אין פּאַלאַץ אַריין)

(עלמות קומט אָן פון דער טיעף פון גאָרטען)

עלמות: (פערצווגט) גאָט איז מיין עדות, איך וואָלט איהר נישט וועלען ברענגען אַזאַ שלעכטע נאַכריכט! זי קאָן נאָך פאַר

צייט קראַנק ווערען! אַ רחמנות אויף דער עדעלע פרוי!.. אָבער מיין פאָטער! ער בעפעהלט עס מיר... און איך מוז... איך ציטער פאַר איהם! (צפורה קומט אָן פון שלאָס) אָ, קעניגין!

צפורה: וואָס ביסט דו אַזוי טרויריג עדעלע פּרינצעסין? דו ציטערסט דאָך אינגאַנצען!

עלמות: אָ עדעלע קעניגין!

צפורה: זאָג פּרינצעסין. איך בין אויף אַלעס געפאַסט!

עלמות: שלעכט קעניגין! זעהר אַ ביטערע נאַכריכט האָב איך דיר געבראַכט. אונזער פּרינץ! אונזער בן הדור איז טויט!

צפורה: בן הדור! מיין איינציגע טרייסט, איז טויט!... גאָט! וואָס האָסטו געהאַט צו דעם אונשולדיגען, עהרליכען קינד!... אָ! מיינע צרות זענען נישט ערטרעגליך!... (פויזע) זאָג מיר מיין טהייערע עלמות, האָסט איהם געקענט?

עלמות: יאָ, קעניגין! איך האָב איהם געקענט... זעהר גוט געקענט... איך האָב איהם געליעבט... מיר האָבען זיך ביידע געליעבט...

צפורה: קינד! וואָס רעדסטו? ווען האָסטו איהם געזעהען?

עלמות: אַלס פישער געזעלען האָב איך איהם דערקענט און זיך אין איהם פערליעבט און אַלס פערשטעלטער פּרינץ בן הדור האָבען מיר זיך ליעבע און טרייע געשוואָהרען, אָבער ליידער איז ער מיר פערהוילען געוואָרען שוין אַ צייט אַהער און דאָ צייט איינינע טעג, איז געקומען אַ ריכטיגער פישער־יונג מיט דער ביטערע נאַכריכט אַז ער אַליין האָט איהם ערמאָרדעט! מיין רחמה האָט עס אַליין געהערט פון זיין מויל. אָ קעניגין! איך בין אונגליקליך! (זי וויינט)

צפורה: (שטאַרקט זיך) מיר זענען ביידע אונגליקליך! זעהר אונגליקליך! געגען גאָט אָבער טהאָר מען נישט מהרהר זיין. ער איז גרעכט און זיין משפט איז גרעכט! אדני נתן ואדני לקח יהי שם אדני מבורך!

עלמות: דו קאָנסט דיך פאַסען, קעניגין!... איך אָבער בין שוואַך! גאָט איז מיין עדות אַז מיט זיין טויט האָט ער אויך מיין לעבען צו גענומען! איך האָב פערלוירען מיין ענגעל! מיין גאָט! מיין אַלעס! אָ קעניגין! מוטער! (פאַלען איינס אויף דאָס אַנדערע ווייַנענד. נאָך אַ פויזע)

צפורה: ווייַנען, מיין קינד, שאַדט נישט. טרערען ערלייַכטערען די שמערצען... (צרויה קומט אַריין)

צרויה: אָ מיין אונגליק איז אָהן אַ גרענעץ! דער מאָרד שרייַט ביז גאָט! (צפורה ווייַנט)

עלמות: פערצייַהע קעניגין! איך וואָלט עס דיר נישט ערצעהלען, אָבער איך זאָג עס דיר פריהער, עהדער דער קעניג קומט אַהער... אפשר דאַרפסטו עס וויסען...

צפורה: דער קעניג! ווער וואַגט עס זיך אין מיין געגענוואַרט קעניג צו רופען?

עלמות: איך מיין מיין פאָטער! פאַר איהם ציטערט היינט יעדער איינער!

צרויה: פוילע דיענסטען ציטערען פאַר איהם..., איך דאַגעגען, זעהט איהר, כאָטש איך בין אַ שוואַכע אשה, דאָך ציטערע איך נישט. איך וואָלט איהם אינגאַנצען מוחל זיין ער זאָל אַהער קומען.

צפורה: ער זאָל מיין שוועל נישט איבערטרעטען!

צרויה: איך וועל איהם די אויגען אויס קראַצען!

עלמות: מיט דיין שלעכט בעהאַנדלען איהם, וועסטו איהם נאָך מעהר אויף־רייַצען!

צרויה: נו ווער פרעגט דען נאָך איהם? לאָז איהם די גאַל צו שפרינגען ווערען!

צפורה: וואָס קאָן ער מיר דען נאָך מעהר טהון, ווי ער טהוט מיר? ערמאָרדען, ווי מיין מאַן און מיין קינד? אדרבה זאָל ער עס טהון! איך ערוואַרטע שוין די מינוט, עס זאָל שוין אַ'נ'ענדע זיין צו מיין לעבען און מיינע ליידען!

צרויה: (קוקט אַרויס) געשווינד, פרינצעסין! דער קעניג קומט! קומט לאָמיר אַוועק געהן!

עלמות: קעניגין! ערבאַרעמע דיך אויף דיין לעבען, דער פאָטער קומט! (צרויה און עלמות געהען אָב אין גאָרטען טיעף).

צפורה: ער קומט? דער מערדער! אָ גאָט, העלף מיר! שטעה מיר ביי!

(חנון קומט אַריין פון פאַלאַץ, געהט צו צו צפורה'ן פערנייַגענד).

חנון: הייל און גליק דער גרויסער קעניגין! דער זיעגער פון באַגדאַד לעגט יעצט פאַר דייַנע פיס אַלע זיינע לאָרבער קרענצע צו זאַמען מיט זיין ליעבע צו דיר. אַלע פעלקער וועלכע איך האָב בעזיעגט שיקען דיין מאַיעסטעט אַ גרוס דורך מיך.

צפורה: איך האָב מיט דער וועלט מעהר גאָרנישט צו טהון! זייַט מיין מאַן איז געשטאָרבען, איז אויך די גאַנצע וועלט פאַר מיר אָבגעשטאָרבען! איך קאָן דיין ליעבע נישט אַנטגעגען קומען. זיך דיר אויס אַ'נ'אַנדערע, אַ גליקליכערע פון מיר.

חנון: דיין עדעל־מוטה, דיין ערהאָבענער גייסט מאַכט דיר העכער פון אַלע ווייבער דער וועלט. אָ שענע צפורה! איך בעט דיך פערגעס נישט אַז איך בין הערשער! איך קאָן און וויל און דו מוזט מיינע זיין!

צפורה: צווינגען ווילסטו מיך? האָסט דיך פערליעבט אין מיין שענהייט? אָ חנון! אַ מאַרמור בילד קאָן פיעל שענער זיין ווי איך, און וואָלסט עס פיליייכט אויך גיכער קענען בעלעבען, ווי מיין האַרץ ערוואַרמען. (זי קניעט) זעה די קעניגין צפורה פאַלט פאַר דיינע פיס. (העבט זיך שנעל אויף) ניין, ניין! אַ קעניגין דאַרף נישט קניען (פאַנטאַזירט) אָ פערצייהע מיר שלמון! איך בין די זעלבע ווי געוועזען, קוק מיך נישט אָן מיט אַזאָלכע בעזע אויגען!...

חנון: אונדאַנקבאַרע! איז דאָס דער לוין דערפֿאַר וואָס איך זוך דיין פריעדען?

צפורה: (איראָניש) פריעדען? דו און פריעדען! טריפט דען נישט דיין שווערד מיט אונשולדיג בלוט! האָסטו נישט אויסגעשלאַכטעט די אַלע וואָס האָבען בעוויינט מיין מאַנס טויט! און דעם אַלטען עהרליכען אָמון, ווער האָט ער־מאָרדעט? אָ דו פרעכער! דו טיראַן! אַוועק גײה פֿון דאַנעט! אַוועק מערדער!

חנון: (ציהט זיין שווערד) שטיל דו פערברעכערין! איך בין קעניג! (הענט זיין שווערד איבער איהר, און זעצט זי באַלד צוריק) אָבער ניין! איך קאָן נישט! דיין שענהייט, צפורה! צינד אין מיר אָן ליעבעס פייער! אָבער לעשט אויך אויס מיין פייערדיגען צאָרן! זיי רוהיג! עס וועט דיר קיין שלעכטס נישט געשעהן, מיין האַרץ איז דיין!

צפורה: (איראָניש) דיין האַרץ! האַ האַ האַ! אַ טיראַנישעס הערץ! אָ! וואו נעם איך אַ דאָלך דיין טיראַנישעס הערץ דורך צו באָהרען! מערדער! ווער האָט דען בעוואָהגען צום פרישען מאָרד ווען נישט דו? (חנון רוקט זיך צוריק ציטערענד) דו ציטערסט! דיינע בעזע געוויסען פלאָגען דיך! שעם דיך קליין מענשעלע! ווי נידעריג זעהסט דו אויס אין מיינע אויגען! (ער דרעהט זיך אום פון איהר). דו ווענדעסט דיינע אויגען פון מיר אַוועק! זאָג טיראַן. ווער האָט דעם מערדער געדינגען? ווער האָט דעם שקלאַווען בעצאָהלט פאַר דעם שענדליכען מאָרד? ווער? נישט דו אַליין, האַ?

חנון: בעצאָהלט, אָבער נישט געדונגען, און נישט בעפוילען! איך האָב נישט געוואוסט! מען האָט עס־מיר בענאַכריכטעט אָהן פערהאָפט... צפורה! שרעק מיך נישט מיט דיינע שרעקליכע בליקען! (ער ציטערט)

צפורה: ציטערע שקלאַווע! מיך האָסטו געוואָלט שרעקען מיט דיין שווערד. אָבער ניין! אַ קעניגין שרעקט נישט ווען

איהר שקלאַווע וויל זי ערמאָרדען! דיינע הענד מוזען געלעהמט ווערען עהדער זיי בעוועגען זיך געגען דיין קעניגין! קניע אַנידער שקלאַווע פאַר דיין הערשערין! פאַל אויף דיין פנים דו טיראַן! הער! איך בעפעהל עס! (ער פאַלט מעכאַניש אויף די קניע) אַזוי! קניע פאַר דיין הערשערין, דו שקלאַווע! אַ רעכטפערטיגע קעניגין קאָן שטאַרבען, אָבער ציטערען, ניע אים לעבען!... (אָב צוריק אין שלאָס)

חנון: (נאָך אַ קליינע פויזע) איך קניע! איך, דער מעכטיגער קעניג — פאַר אַ שוואַכעס ווייב! איך האָב געבראָכען מיין קעניגליכען שטאָלץ! און דאָך האָט זי מיר פעראַכטעט, מיך צוריק געשטויסען! אָ! צופיעל! (ער שטעהט אויף וגיטענד ציהט ווידער זיין שווערד) צופיעל דו שוואַכעס ווייב! מיט מיין שווערד האָב איך מיין טראָהן ערוואָרבען! אויף דער שווערד איז מיין שטאָלץ, און פאַר דער שווערד מוז זיך אויך דיין נאַרישער שטאָלץ בויגען! איך וועל דיך נויטען זאָלסט מיין שקלאַווע ווערען! מיט מיינע פיס וועל איך דיך טרעטען! איך וועל דיך לעהרנען ווי דעם קעניג צו רעספעקטירען! (ער לויפט אָב צאָרניג נאָך איהר אין שלאָס אַריין. שלמון און בן הדור איבער־געקליידעט אַלס פרינץ מיט אַ בערדעל, קומען אָן פון דער טיעף פון גאָרטען)

שלמון: מיט אַ דאָפּעלטע וואַך איז בעוואַכט דער שלאָס אַרום און אַרום. מען לאָזט קיין לעבעדיגען מענש צו איהר נישט צו! און דאָס פאָלק קאָן דאָס אַלץ אַזוי רוהיג צו זעהען!

בן הדור: אַלטער! ווען דו האָסט עטוואָס צו בעפעהלען דער קעניגין קאָנסטו עס דורך מיר בעזאָרגען. באַלד וועל איך זיין ביי איהר.

שלמון: און דו יונגער מאַן, קאָנסטו מיר פיליכט דערצעהלען וואָס דו האָסט דער קעניגין צו מעלדען? אָדער איז דאָס אַ געהיימניס?

בן הדור: קיין געהיימניס! די גאנצע וועלט מעג עס וויסען: איך וויל איהר זאגען אז דער פרינץ בן הדור האט געבעטען פאר זיין טויט, אז זיין מוטער זאל הייראטען דעם קעניג חנון, און דער שליח בין איך.

שלמון: אונמעגליך! עס איז א ליגענד, דער עדלער פרינץ וואלט דאס נישט זאגען.

בן הדור: פערגעס נישט, אלטער, מיך קאן מען גלויבען, וויל איך אליין בין דער מערדער פון פרינץ.

שלמון: (ציהט זיין דאלך) דו ביסט דער מערדער פון מיין... פון דעם פרינץ! עלענדער! לענגער זאלסטו נישט לעבען!

בן הדור: (כאפט איהם אן די האנד) איך בעקום דערפאר דעם קעניגס טאכטער צור פרוי.

שלמון: (צו זיך) לענגער קאן איך מיר שוין נישט פערשטעהלען! (צו איהם רוהיגער) זאג דעם טיראן: אז זיין מיה איז אומזיסט! דען עס לעבט נאך איינער וואס וועט פון איהם ראכע נעמען. איך בין נאך גענוג יונג, געזונד, פול לעבען און לוסט! הער אוים געדינגענער מערדער און ציטערע צו זאמען מיט דיין העררן!

בן הדור: ווי איך זעה יונגער-אלטער ליעבסטו זעהר דעם פרינצען בן הדור. האסטו איהם אויך פערזענליך געקענט?

שלמון: איך האב איהם געקענט. אבער אלס קליין קינד. מיט זיין פאטער האב איך צוזאמען געלעבט, צוזאמען געליטען, און אצינד ווייז איך צוזאמען מיט איהם איבער דעם אונשולדיגען פערגאסענעם בלוט פון זיין איינציג קינד (וויינט)

בן הדור: דיינע טרערען אלטער צו נעמען מיך. אלטער! איך האב דיר דיין לעבען גערעטעט, און ווען דו וועסט מיך נישט פערראטהען וועל איך דיר עטוואס פערטרויען. זי וויסען אז איך בין קיין מערדער נישט און... פרינץ בן הדור לעבט!

שלמון: פרינץ בן הדור לעבט! אך ווי גליקליך! און וואו איז ער?

בן הדור: נישט וויט פון דאנעט און ווען דו ווילסט קאן איך דיר איהם באלד פארשטעלען.

שלמון: א ניין, ניין! בעהיטע גאט! עהדער דא אויף דעם מערדערישען פלאץ, וויל איך איהם בעסער קיינמאל נישט זעהען! דא איז געפעהרליך! מען זוכט זיין טויט!

בן הדור: אבער ווען ער איז שוין דא?

שלמון: בעט איך דיך: לויף געשווינד, בעשווער איהם ווי זיין לעבען איז איהם ליעב, אז ער זאל ווי אם שנעלסטען פון דאנען פליהען! דען דא איז זיין לעבען קיין איין אויגענבליק נישט זיכער!

בן הדור: ער ווייסט עס, אבער ער לאכט דערפון.

שלמון: פון וואנען ווייסטו עס? (ער שרעקט)

בן הדור: (קוקט זיך אום) שרעק דיך נישט אלטער! איך אליין בין עס דער פרינץ בן הדור.

שלמון: גאט! זאל דאס וואהר זיין? זעה איך עס וואכענד? ביסטו עס... מיין... פרינץ, מיין קעניג! זעה דיין פאט... דיין פאטערס פריינד קניעט פאר דיר (ער קניעט)

בן הדור: (העבט איהם אויף און ציהט זיין דאלך) אט דיזער דאלך זאל צייט 24 שטונדען ראכע נעמען פאר מיין ערמארדעטען פאטער און פאר מיין בעליידיגטער מוטער!

שלמון: (אויפשטעהענד) דו ביסט אבער נאך צו יונג און צו שוואך דאצו.

בן הדור: איך בין יונג דאס איז וואהר, און אפשר אויך נישט אזא גרויסער העלד, אבער גענוג שטארק איז מיין ארעם ראכע צו נעמען פון אזא מערדער. און איך האף אז מיין פאטערס גייסט וועט מיר אויך ביישטעהן... (עס הערט זיך טריט) יעמאנד געהט, איך דארף מיך דא נישט ווייזען. קום אלטער לאמיר אוועק פון דאנען! (ביידע אב טיעף אין גארטען) עלמות און רחמה קומען אן פון פאלאץ).

עלמות: רחמהלע! איך שווער דיר ביי מיין אונגליקליך לעבען, אז איך וועל קיינעם נישט עס דערצעהלען. זאָג מיר קאָנסטו דעם מערדער פון פרינץ בן הדור?

רחמה: איך קאָן דיר נאָר אזוי פיעל זאָגען אז דער מערדער פון דעם פרינץ איז זעהר א נאָהנטער פריינד פון דיר. און דאָס איבעריגע דאַרפסטו אליין פערשטעהן.

עלמות: איך פערשטעה וועמען דו מיינסט... מיין פאָטער, אך ווי עלענד און אונגליקליך איך בין (וויינט)

(חנון קומט צוריק פון שלאָס און בעמערקט ווי זי וויינט).

חנון: וואָס איז דאָס? אלעס פרעהט זיך איבער מיין זיעג! און דו מיין טאָכטער וויינסט?

עלמות: פערצייהע, פאָטער. דאָס זענען מיטליידס טרערען איך האָב גערעדט מיט דער געפאַנגענער קעניגין. זי בעט דיך זאָלסט איהר פערשוינען מיט דיין ליבעס אנטראַגע:

חנון: ניין! זי זאָל מעהר נישט שפּאָטען פון מיר, זי מוז זיך דאַצו ענטשליסען. זי מוז מיינע זיין.

עלמות: פאָטער! האָב מיטלייד! טהו עס מיר צו ליעב! אזוי לאַנג ווי צפורה וויינט קאָן איך מיך נישט פרעהען.

חנון: און אזוי רעד מיין טאָכטער! ניין! נישט קיין טאָכטער ביסטו מיינע! ניין!

עלמות: פאָטער!

חנון: שווייג! ווען דיין לעבען איז דיר ליעב זאָל איך אזאלכע טרערען מעהר נישט זעהן! ציטערען מוז יעצט אלעס פאַר מיר! נישט קיין פאָטער בין איך דיר! זעלבסט־הערשער בין איך אין גאַנץ אראַביען. אלע מיינע פיינדע האָב איך בעזיעגט! דער איינציגער פיינד פאַר וועלכען איך האָב געשראָקען לעבט שוין אויך נישט! דער פרינץ בן הדור איז טויט!

עלמות: איך וויים, מען האָט איהם ערמאָרדעט! און אפשר נאָך מיין אייגענער...

חנון: עלמות! צופיעל קלאָגסטו נאָך דעם פרינצען! זאָג! האָסטו נישט געהאַט מיט איהם עפּעס געהיימע בעציהונגען? זאָג! איך וויל עס וויסען!

עלמות: יאָ! אָבער דער פרינץ בן הדור איז שוין טויט. ער דאַרף שוין פאַר דיר נישט מורא האָבען! און איך — וואָס קאָנסטו מיר טהון? וואָס קאָנסטו מיר מעהר אונגליקליך מאַכען ווי איך בין? — זיי וויסען אז איך האָב געליעבט א פישער יונגע.

חנון: און ווער איז דער פישער יונג געוועזען?

עלמות: בן הדור פרינץ פון אראַביען.

חנון: (שלײַדערט זי אוועק) שלאַנג! אוועק פון מיינע אויגען! דו האָסט נישט די ווערט מיין טאָכטער צו זיין!

רחמה: (בײַ זייטע) ער איז נישט ווערט אזא טאָכטער צו האָבען!

חנון: (צו עלמות) ווען דיין לעבען איז דיר ליעב, זאָלסטו דער קעניגין צפורה קיין וואָרט דאַפון זאָגען ביז זי וועט נישט מיין זיין.

עלמות: די קעניגין ווייסט שוין! איך האָב איהר צו געשוואָהרען, צו פערבלייבען אויף עוויג איהר טרייע טאָכטער, און אז איך וועל זי מיט אלע מיינע קרעפטען שיצען פאַר יעדע אונגערעכטיגקייט... און אז דו ווילסט קאָנסטו מיך טויטען!

חנון: יאָ, איך טויטע דיך (ער כאַפּט זי און) מיט מיינע אייגענע הענד וועל איך דיך דערווערגען!

רחמה: הילפע! הילפע! (שלמון קומט אריין צו לויפען כאַפּט אָן חנון און שלײַדערט איהם אוועק),

שלמון: שטעה! אונמענש! הער גאָטעס שטימע! זי בעפעהלט: לא תרצח: דו זאָלסט נישט מאָרדען!

חנון: ווער האָט דיר דאָס רעכט געגעבען מיך צו וואָהרנען?

שלמון: דער, וועלכער האָט געהרגט דעם ברודער־מערדער קין! איה הבל אחיך? וואו איז דיין ברודער? דו מערדער!

איך הער זיין שטימע! איך הער דאס רוישען פון זיין
אונשולדיג בלוט! (בליקט איהם שטארק אן)

חנון: מענש! ביזטו וואהנזיניג! וואס קוקסטו מיך אזוי שוידערליך
אן! וואכע! וואכע! (עס קומען אן צו לויפען מיליטער)
פערטהיידיגט די עהרע פון אייער קעניג! (די מיליטעריסטען
ווארפען זיך אויף'ן אלטען)

עלמות: (אויף די קניע) פאטער האב מיטלייד מיט זיין גרויעס האר!

רחמה: פערציהע איהם קעניג! ער איז נישט מיט אלעמען!

חנון: (שטויסט אוועק עלמות) אוועק גיה פון מיינע אויגען! ער
איז א שפיאן! א פעררעטהער!

כאר

אונזער גרויסען קעניג האט ער דא בעליידיגט
א דער שופט, א דער שופט!
ער האט פערדיענט דעם טויט יא!
מערדער איהם גערופען, מערדער איהם גערופען!
ציהט א יעדער זיין שווערד
שלאגט איהם יא! (4 מאל)
טויט איהם שנעלער. אויף דער שטעלע!

שלמון: לא תרצח! דו זאלסט נישט מארדען,
שרייט א שטימע פון דער ערד.
לא תגנוב: זאלסט נישט בעגנב'נען.
גנבע נישט וואס דעם צווייטען געהערט.
לא תחמוד: זאלסט נישט גליסטען
דיין חבר'ס ווייב. שטראפען וועט דיך גאט דערפאר
געטויטעט וועסטו ווערען.
דיין שטימע וועט קיינער נישט הערען
דו ביסט א מערדער! טיראן וואס דו ביסט!

חנון: פארט מיט איהם אין קערקער געשווינד!
א הערט נישט מיין טאכטער זי איז יא פאלש
פאלש זענען אידרע טרערען!

שלמון: איהר זאלט איהם נישט הערען,
דען א מערדער גלויבט נישט קיין טרערען.
האט מיטלייד מיט מיר אצינד!
דען ער וויל אוי יעצט גאר טויטען זיין אייגען, ליבעס קינד!

בײדע

חנון: פאלש יא זענען איהרע טרערען
איהר זאלט זי קיינער נישט הערען

שלמון: אמת זענען איהרע טרערען
איהר זאלט איהם קיינער נישט הערען
(בן הדור קומט אן)

חנון: דא קומט דער וואהרער פרינץ!
ער זאל ענטשיידען צווישען אונז.

עלמות: פאטער! פאטער! מיר איזט ניכט גוט!

בן הדור: מיט פרישען מוטה, ליס אויף דאס בלוט.
זייט קיין קנעכט, פערטיידיגט אייער רעכט!
גאט האט בעשאפען שפיעז און שווערד:
דער מענש זאל נישט זיין קיין שקלאווע.
ווען זיין עהרע איז געשטערט,
זאל ער נאר קעמפפען פאר זיין ווערט,
ער זאל נישט דארפען זיין קיין קנעכט (2 מאל)
ביי יעדען זאל נאר פריעדען זיין

שלמון: נאר פארווערטס ער שפריכט צו מיין הערץ.

עלמות	קלינגען זאל ווער נאר קלינגען קאן
	טראמפעטען שאלט, דראמעלט נאר אויך פלעטען
חנון	און זינגען ווער נאר זינגען קאן
שלמון	יא שאלען זאלט איהר מיט טראמפעטען

כאר

קינדער פארווערטס, יא נאר פארווערטס,
יא נאר מוטיג קעמפפען פאר אונזער לאנד.
אלע האנד אום האנד,
פאר אונזער לאנד, פאר אונזער לאנד!

ענדע 2 אקט

דריטער אַקט

(די זעלבע דעקאָראַציע פון צווייטען אַקט) ווען דער פאָרהאַנג געהט אויף הערט זיך טראָמעל-סיגנאַל, באַלד אויף דעם מאַרשירען אַריין עלמות פערקלייידעט אַלס אַנפיהרער פון מיליטער, נאָך איהר רחמה אַלס אַטיוטאַנד און נאָך זיי מיליטעריסטען מאַרשירען איינִיגע מאָל אַרום דער ביהנע און געהען אָב אונטערן פאַלאַץ.)

כאָר

סאָלדאַטען זענען מיר,
פרעהליך גאָר אָהן אַ שיעור.
מאַרשירען איבעראַל,
ביים קאַנאָנען שאַל,
דאָס איז דאָך זעהר שען
די ערשטע מוז נאָר געהן
ביי דעם קאַנאָנען שאַל
מאַרשירען איבעראַל.

עלמות: (אונטער קאָליסען) אויף אויף צום קאַמפף
פאַלען מוז דער לעווע פאַר אונזער מאַכט (ערשיינט)

כאָר

גאַנצע טעג נאָר ערצילען
טאָג און נאַכט נאָר שיצען
ווען קאַנאָנען אונז בעגריסען
און די ביקסען שיסען
מענשען-בלוט רינט אין דער גאַס
סאָלדאַטען מאַכט קיין שפּאַס
צערשטערט, צערברעכט דעם פיינדעס מאַכט
מיט פיעל גלאַנץ און פראַכט.

עלמות: איינס, צוויי, דריי פיער אַ פייער שום
פאַלען זאָל דער פיינד פאַר אונזער מאַכט.

עלמות אין כאר

מאַרשירט מיט קוראַזש
פעהלט קיין ציעל!
איינס צוויי, דריי,
מאַן ביי מאַן ביי'ם פלעטען שפּיעל.
ביים קאַנאָנען שאַל ציעלען איבעראַל! (מאַרשירען אָב).

צרויה: (קומט אַרויס פון פאַלאַץ קוקט זיך אום איבעראַל) וואָס פאַר אַ ליאַרעם! מיין אונגליקליכע קעניגין איז נאָר וואָס איינגעשלאָפען. אַך די אונגליקליכע! זי קאָן קיין אויג נישט צו טהון. נישט זי עסט, נישט טרינקט, נישט שלאָפט, וואָס ווערט נעבעך זיין פון איהר דער סוף! שוין איבער צעהן יאָהר אַז זי זיצט אַזוי דאָ געפאַנגען. טאַקע אין פאַלעען, אָבער דאָך אַ געפענגעניס: אַז זי טהאָר אויף דער ליכטיגער שיין נישט אַרויס, און קיינער טהאָר צו איהר נישט אַריין קומען! שרעקליך מוז עס זיין צו זיצען געפאַנגען אין שענע סאַלאָנען! איך שטעל עס מיר פאָר, פונקט ווי מען זאָל אַניעדער שטעלען מיין לפידות'ן צווישען קרוגען ווין און טרינקען לאָ, אַפילו אַ טראָפּען נישט. אַ שענעם פּנים האָט עס, ווי אַ קאַץ נעבען אַ שיסעל סמעטענע מיט אַ צו געבינדענעם פיסקעל. קוק, גלאָץ מיט די אויגען אָבער אַ לעק טהון גאָר לאָ!.. אָדער... (עס הערט זיך טראָמעל סיגנאַל) אַ פּנים עס איז אַצינד 12 ביי נאַכט און מען געהט בייטען די וואַך פאַרן שלאָס, ווי בעהאַלט מען זיך דאָ ערגעץ! (בעהאַלט זיך אויפ'ן בוים לינקס) דאָ ועט מען מיך נישט בעמערקען! (עס קומען צוריק אָן, מאַרשירענד די וואַך מיט עלמות און רחמה אַלע שטעלען זיך אַרום טויער, רחמה און עלמות טרעטען פאָר נעהנטער)

רחמה: אַזאַ יאָהר אויף מיר ואָס פאַר אַליינ-גאַרדע מיר האָבען, אָבער צו וואָס האָסטו זיי אין מיטען דער נאַכט צונויף גערופען?

עלמות: דער פאַטער איז אין אַ גרויס געפאַהר, איך ציטערע
מען זאָל איהם די נאַכט נאָך איבערפאַלען און ערמאָרדען.

רחמה: עס איז דאָך דאָ זיין וואַך?

עלמות: איך קאָן עס קיינעם נישט פערטרויען. אַליין מוז איך
וואַכען פאַר זיין שלאָף ציםמער. (צו דער וואַך) קומט מיט
מיר! (מאַרשירען ווי פריהער און געהען אָב. רחמה בלייבט)

רחמה: רחמה'לע דאַרף מען קיין פינגער אין מויל נישט אַריין
לעגען, ווייל זי קאָן איהם נאָך אָב־בייסען. איך ווייס: זי
געפינט זיך אַצינד צווישען צוויי פייערען. זאָל זי אויסזאָגען
דעם פאָטער, פערראַהט זי דעם געליעבטען. וועט זי
נישט אויסזאָגען, פערראַט זי דעם פאָטער. מוז זי נעבעך
שטעהן אין דער מיט, צווישען די צוויי פייערען און פון
ביידע זייטען לעשען און טאָמער וועט עס נישט געהן וועט
זי אַליין אויך פערברענט ווערען. און דאָס האָט זי אַלץ צו
דאַנקען דער ליעבע.. אָ! איך דאַנק דיר, גאָטעניו! איך
בין דאָך שוין נישט קיין יונג מיידעלע. שוין אַריבער 16
יאָהר, קיין עין־הרע, קיין בעז אויג, און בין נאָך נישט
פערליעבט. און אַפילו מיין רחמיאליקעל. איז נאָר גלאַט
אַזוי... דערווייל מוז מען זיך בעהאַלטען דאָ ערגעץ, און
ווידער זעהען וואָס דאָ וועט פאָרקומען. אַזוי ווי דאַמאַלס.
איך בין טאַקע נאָך גאָר יונג, אָבער דאָך האָב איך ליעב
אַלץ צו וויסען. עס איז אַ פערגניגען צו זעהען כאָטש וואָס
יענער טהוט... (זי געהט צו צום בוים וואו צרויה איז בעהאַל־
טען. צרויה גיעט אַ קוויטש) אוי עפּעס אַ נ'אַלטע קאַטשקע!
לויפט צום צווייטען בוים און בעהאַלט זיך)

לפידות: (קומט פון אונטערן שלאָס שכּור) אַריין געלאָזט דעם
פישער־יונג צו דער קעניגין, און באַלד וועט זי מיט
איהם אַרויס קומען אַהער... דאָרט האָט זי מורא
אַ פּנים!... און גרעבט בנאמנות... אַ שענע קעניגין
און... אַ גראָבער פישער־יונג... אַ קשיה אויף אַ מעשה...

נאָר וואָס איז מיט'ן קעניג? לאָזט איהר אויף דער
ליכטעגער שיין נישט אַרויס... קיינעם צו איהר נישט
אַריין... ער איז אייפערזיכטיג... און גרעבט, בנאמנות
שלי ווי איך בין אַ יוד דאַצו... שען ווי גאָלד...
נישט צו גלייכען ווי מיין צרה!.. (צרויה קוויטשעט
פון אונטערן בוים) אָ עפּעס אַ קאַטשקע! אָ! אויף רחמה־
לען... וואָלט איך אויך זיין אייפערזיכטיג! אוי רחמהלע
(רחמה קוקט אַפיר פון בוים: אַ קוקו) אָ אַ קו־קו־ווקע דאָרט!..
אָבער וואָס מיינט ער מיט דעם פישער יונג? אפשר זי
צווינגען? האַ... ווילסט נישט אַ קעניג טאָ האָסטו אַ
גראָבען פישער יונג!... נו זיי אַ וואָהלע קעגען אַזאַ
יונג!... וואָס? ווי'סט נישט! אַ טראַסק אין די צעהן...
און קום חתונה האָבען... (ער גיעט אַ פּאָר מיט דער האַנד
מיט אַזאַ קראַפט אַז ער דרעהט זיך איבער און העבט זיך קוים
אויף) מען מוז זיך דאָ ערגעץ בעהאַלטען און זעהען
וואָס אַ גראָבער יונג טהוט... אַלץ האָב איך ליעב צו
וויסען און הערען און זעהען און שווייגען...
ער זוכט צו בעהאַלטען זיך וואו אין ביידע זייטען בומער הערט
ער קוויטשען און קו־קו־ווען, ענדליך בעהאַלט ער זיך אונטערן
טויבען שלאַג).

(עס קומט אָן צ־ורה מיט בן הדור פערשטעלט).

צפורה: זאָג מיר, יונגער העלד, ווער ביסטו?

בן הדור: אַ פריינד פון דיין זוהן.

צפורה: זיי מיר הערצליך ווילקאָמען. וואו האָסטו איהם
געזעהן צום לעצטען מאָל?

בן הדור: ער האָט זיין נשמה אויסגעהויכט אויף מיינע הענד.
איך בעזיץ זיין נשמה...

צפורה: דו האָסט זיין לעצטען זיפץ געהערט! און איך זיין
טרייע מוטער האָב דאַצו נישט זוכה געווען! אָ זאָג
מיר וואָס זענען געווען זיינע לעצטע ווערטער?

בן הדור: זײַנע לעצטע ווערטער זענען געװעזן: אײַל צו מײַן מוטער, זאָג איהר: שוין לאַנג גענוג פליסען איהרע טרערען אין געפענגעניס. איהר שטאַרבענדער זוהן לאָזט זי דאַרום בעטען זי זאָל הײַראַטהען מיט דעם קעניג חנון אום עס זאָל צוריק קעהרען רוהע און פרידען אין מײַן אָרעמען פאַטער לאַנד!

צפורה: וואָס! איך זאָל דעם צווײ־פּאַכיגען מערדער הײַראַטהען? דעם מערדער פון מײַן מאַן און מײַן זוהן?! און דו זאָגסט: אַז דאָס איז געװעהן זײַנע לעצטע ווערטער? אָ דו עלענדער! אויך דו ביסט אײנער פון חנון'ס איבער־געקויפטע!.. מערדער! געה! איך פעראַכטע דיך מיט איהם צוזאַמען! (זי וויל אַבגעהן).

בן הדור: (פערשטעלט איהר דעם וועג) ערהאַבענע קעניגין! (ער ווייַנט)

צפורה: וואָס? דער קראָקאָדיל ווייַנט? מענשען! בין איך דען אַזו טיעף געזונקען אַז מײַנע שקלאַווען זאָלען פון מיר שפּאָטען!

בן הדור: איך שווער דיר בײַ אַלעם אַז איך שפּאָט ניט!

צפורה (בעדענקענד) ניין? זאָג זשע מיר ווער ביסטו?

בן הדור: איך בין דײַן זוהן... דײַן זוהנס פרײַנד! איך וועל דיר יעצט די וואַרהייט זאָגען: דײַן זוהן בן־הדור לעבט, אַזוי וואַהר ווי איך לעב.

צפורה: ער לעבט? מײַן זוהן לעבט? און וואַרום האָסטו ערשט געזאָגט אַז ער איז טויט?

בן הדור: (צו זיך) גאָט! גיעב מיר קראַפט איך זאָל מיך ניט פעררעטהען! (צו איהר) בן הדור לעבט! ער וואָלט יעצט פאַר דיר געשטאַנען ווען ער זאָל ניט מורא האָבען אַז דײַן מוטער־הערץ זאָל ניט פאַר פרייַדע לײַדען דאַבײַ! גלויב מיר קעניגין! דײַן זוהן שטעהט פיעל נעהנטער צו דיר, ווי דו גלויבסט.

צפורה: איז עס וואַהר? אײַל דיך יונגער־העלד! פליה! זאָג איהם ער זאָל זיך זאָפאָרט ענטפערנען. ווײַל דער טיראַן איז דורשטיג נאָך זײַן בלוט!

בן הדור: ער ווייסט עס, קעניגין! אָבער ער לאַכט פון איהם.

צפורה: יונגער מאַן! דו אינטערעסירסט מיך! זאָג מיר ווער ביסטו?

בן הדור: אַ פישער פון חבור. איך פערעהרע דיך קעניגין, ווי אַ'נ'אײגענע מוטער!

צפורה: איך בעשווער דיר נאָך אַמאָל. זאָג מיר: לעבט מײַן זוהן?

בן הדור: איך שווער דיר בײַ דעם אל חי וקים, אַז אין אַ קורצע צײַט וועסטו איהם האַלטען אין דײַנע אָרעמען! לעב־וואָהל גרויסע קעניגין איך עמפפעהלע מיך.

צפורה: וואַרט נאָך איין אויגענבליק! ווען איך זעה דיך, דאַכט זיך מיר אַז מײַן זוהן שטעהט פאַר מיר! מײַן הערץ איז ערפרעהט. דו האָסט מיר פרישען מוטה געגעבען. מיט געדולד וועל איך מײַנע לײַדען ערטראָגען! איך דאַנק דיר יונגער עדלער מאַן. זאָג מיר, איך בעט דיך, וואָס האָט מײַן לעבעדיגער זוהן בעפאָהלען?

בן הדור: הערע קעניגין זײַנע ווערטער. גראַדע ווי ער זאָל פאַר דיר דאָ שטעהן: מוטער! (ווייַנט) — זאָגט ער צו מיר ווייַנענד — גאָטס וועג איז דונקעל אָבער גערעכט. ווען גאָט האָט בעשלאָסען דעם אונטערגאַנג פון דער יודישער מלוכה אין אַראַביען, זאָלען מיר אונטער געהען ווי די זון אין פולען גלאַנץ! אַזוי האָט ער געזאָגט און זיך שטאַרק צו ווייַנט.

צפורה: דערפאַר אָבער זאָל איהם דער גרויסער גאָט בענשען.

בן הדור: ווען דו, קעניגין, ווילסט דײַן זוהן בענשען, שיק איהם די ברכה דורך מיר און איך וועל זי איהם איבער־

געבען וואָרט אום וואָרט. (קניעט) איך בין בערייט קעניגין
דיין זעגען צו עמפפאַנגען.

צפורה: גאָט! מיינע ליידען זענען געהיילט! הער צו דאָס געבעט פון אַ מוטער: גרויסער גאָט פון ישראל! וואַך איבער מיין קינד, שיטץ זיין יוגענד, זיי זיין אַנפיהרער אין די גרעסטע געפאַהרען. רייך איהם דיין האַנד ווען ער פאַלט! און פיהר איהם צוריק אויף דעם טראָן פון זיין פאָטער! אָמן!

בן הדור: אָמן! (זי העבט איהם אויף) אויף מיין גאַנץ לעבען וועל איך קיין איינציג וואָרט פערגעסען.

צפורה: היינט וועל איך פון צייט 17 יאָהר אַהער די ערשטע נאַכט קענען רוהיג שלאָפען! גאָט! זאָל עס דיר בעלוינען! קום יונגער העלד! (ביידע אָב).

(רחמה צרויה און לפידות זינגען פון זייערע בעהעלטעניסע).

לפידות:

קראַ קראַ! זאָל מען מיינען איך בין אַ וורוֹאָנע.

צרויה:

איך שווער דאָס איז דער טרינקער, מיין מתנה...
קוואַ, קוואַ, זאָל מען מיינען אַז איך בין אַ זשאַבע.

לפידות:

איך וואָלט געשוואָהרען: עס איז מיין אַלטע שקראַבע...

רחמה:

קו, קו! זאָל מען מיינען אַז איך בין אַ קוקאַווקע.

לפידות:

דער קוקוק, זעהט איהר, ער געפעהלט מיר דוקא.
קראַ קראַ, קראַ קראַ ווער איז דאָרטען דאָ?

צרויה:

קוואַ־קוואַ, קוואַ־קוואַ, קיינער איז נישטאָ!

רחמה:

קו קו, קו קו.

לפידות:

קראַ קראַ, קראַ קראַ.

צרויה:

וואָס קראַקעסט דו אַלטער שכור?
וואָס איז דאָ געשעהן מיט דער קוקאַווקע זיס ווי צוקער?
איך וואָלט געוואָלט זי זעהען.

לפידות:

וואָס קוואַקעסט דו אַלטע שווײַלע
ס'ווייסט מיין הערץ, איך שווער
די קוקאַווקע איז אַ וואהלע
קומט זשע נאָר אַ הער!

(אַלע געהען אַ פיר).

רחמה נאכהער אלע דריי

נישט זיין אַ מענש נאָר זיין אַ קוקו
איז שוין באַלד כדאי
איך וואָלט געפלויגען ווי אַ פויגעל
נאָר פראַנק און פריי.

צרויה און לפידות:

ער { גישט זיין א מענש כאטש א ווראנגע
איז כדאי
געגעבען וואלט איך אויף מיין שכור
א שפיי

זי { נישט זיין א מענש כאטש א זשאבע
איז כדאי
וואלט איך געוועזען פון מיין צרה
פריי.

אלע: קו, קו!
קרא, קרא!
קווא, קווא!
דער פויגעל מיט זיין פליגעלע
דער שיכור מיט זיין קריגעלע
דער וואלקען, מיט זיין רויך
פליהען אלע אין דערהויך.
א יעדער וויל נאר וואנדערן
פון איין ארט צום אנדערן... (טאנצען)

(עס קומט אן חנון נאך איהם עלמות מיטען כאר פון לינקס טיעף פון גארטען. דאס מיליטער בלייבט שטעהן ארום טויער).

עלמות: פאטער! א גרויס געפאהר שוועבט איבער דיר! היטע דיך נאך דיזע נאכט! און איך האב מיך אליין פערקליידעט, אום דיך צו היטען...

חנון: נארישע קינד! חנון לאכט פון יעדע געפאהר. גלויבסטו אז איך בעזיץ א ווייבערישע נשמה אזוי ווי דו?

לפידות: מען רעד געשמאק, אז בן הדור לעבט.

עלמות: פאטער! מיר שטעלט זיך שלעכטעס פאר!

חנון: איך זאל שרעקען? איך, חנון, פאר א נידעריגען שקלאווע? א ניין! (ער לאזט זיך געהן אין שלאס)

עלמות: איך מוז מיר אנדערש ראטהען. (רופט) וואכע! אהער! (זיי קומען נעהנטער און שטעלען זיך אוים אויף דער ביהנע אונטער עלמות און רחמה). איהר וועט מיר העלפען, מיינע פריינד, דאס געפאהר צו פערהיטען פון ביידע זייטען.

רחמה: מיר וועלען קעמפפען ווי די העלדען! (עס קומען אן צפורה, און בן הדור פון שלאס קעגען איבער חנון, חנון בלייבט שטעהן).

חנון: קום נעהנטער, שקלאווע! זאג! ביסטו דער זעלבער פאר וועלכען דו האסט דיך אויסגעגעבען? דו שווייגסט?.. שופט! ציטערע ווען דו האסט מיך בעטראגען! (וויל איהם שטעכען)

עלמות: (שטעלט זיך אין דער מיט) האב מיטלייד! געדענק דיין שבועה!

רחמה: (שטויסט אוועק בן הדור'ן און שטעלט זיך נעבען עלמות) מיר וועלען איהם אבהיטען.

חנון: (צו צפורה) און דו שטאלצע קעניגין! האסטו דיר די זאך גוט איבערלעגט. עס איז די העכסטע צייט, דיין פערניכטונג זאל בעזיגען דיין נארישען שטאלץ, און זאלסט שוין צו הערען די זיסע שטימע פון דער ליבע!

צפורה: אומזיסט איז דיין בעמיהען. מיין ענטשלוס ווייסטו שוין!

חנון: ווילסטו דיך מיט געוואלט אונגליקליך מאכען?

צפורה: אים געגענטהייל! איך וויל עס נישט! און דאדורך וויל איך פון דיר נישט וויסען...

חנון: רייץ נישט אויף מיין גרים-צארען, שטאלצע צפורה!

צפורה: (שטאלץ) קעניגין! היים איך פאר דיר!

חנון: (בעטענד) קעניגין! צפורה! נאך האסטו צייט צו רייכען מיר דיין האנד.

צפורה: וועמען? דעם מערדער פון מיין מאן? נימאלס!

חנון: איז דאס דיין פעסטער ענטשלוס?

צפורה: יא. און דו עוויגער גאט! שיטץ מיך פאר דעם טיראן!

חנון: (ערצערגט) צעהל דיך מיט דיינע ווערטער!

צפורה: איך צעהל זיי. און דו חנון הער! מיין פלוך זאל דיך

עֶוויִג פערפאָלגעֶן! דײַן וועֶג זאָל שטעֶנדיִג מיִט בלוט פערגאָסעֶן זײַן! טויט און פערדערבעֶן זאָל זײַן דײַן האָכצײַטס־פעֶסט! בײַ דײַנעֶם לעֶבעֶן זאָלסטו זעֶהעֶן דאָס גהינם! פערשאָלטעֶן זאָלסטו זײַן פון גאָט און פון מענשעֶן — היִמעֶל און עֶרד זאָלעֶן דיִך אויף איִמעֶר און עֶוויִג פערפאָלגעֶן, און די נאַטור זאָל דיִר בעֶצײַכנעֶן ווי קַיִן'עֶן מיִט'ן נאָמעֶן: מעֶרדעֶר! טיִראַן!

חנון: (בעֶזו) שווײַג דו וואַהנזיִניִגעֶ! וואַכעֶ! טהוט אײַעֶר פליִכט! שלעֶפט זי מיִט געֶוואַלט איִן דעֶם האָכצײַטס זאַל! (די וואַכעֶ צִמעֶן איִהר).

צפורה: האָט מיִטלײַד, מיִט אַ שוּצלאָזעֶ פרוי! נאָט נעֶם דו דיִך אָן פאַר מיִר! בן הדור! מײַן זוהן! וועֶן דו זאָלסט זעֶהעֶן, וואָס דעֶר טיִראַן מאַכט פון דײַן מוטעֶר!

חנון: (בעֶפעֶהלט) פיִהרט זי אַוועֶק!

בן הדור: (שטאָלץ) האַלט אײַן דײַן צאָרעֶן!

חנון: פאַנגט איִהם אויך!

בן הדור: מיִך! שטאַרב דו מעֶרדעֶר! (עֶר וויִל איהם שטעֶכעֶן מיִט זײַן דאָלך, עלמות פאַלט אַרײַן איִן דעֶר מיִט).

חנון: מעֶרדעֶר! אַ טויזעֶנד־פאַכעֶן טויט זאָלסטו שטאַרבעֶן! ביִז דו וועֶסט בעֶקעֶנעֶן דאָס געֶהײַמניִס!

בן הדור: עֶלעֶנדעֶר טיִראַן! איִך פעֶראַכטעֶ דיִך און דײַנעֶ דראָהונגעֶן! איִך וויִל מיִך פאַר דיִר מעֶהר ניִשט פעֶר־שטעֶהלעֶן! (עֶר רײַסט אַרונטעֶר זײַן בעֶרדעֶל) זעֶהסטו ווער איִך ביִן? איִך ביִן בן הדור דעֶר פריִנץ פון אַראַביעֶן!

צפורה: (פאַלט אויף בן הדור'ן) מײַן זוהן!

אומאַרמעֶן זיִך. חנון בלײַבט שטעֶהן עֶרשראָקעֶן, רחמה כאַפּט אַרום עלמות און נאָך אַ פויזעֶ ווײַזט אָן חנון דעֶר וואַך און זיי רינגלעֶן אַרום צפורהן און בן הדורן).

פאָרהאַנג.

פיִרטעֶר אַקט

(עֶס שטעֶלט פאָר אַ טראָן זאַל בעֶוואַכט אַרום מיִט מיִליִטעֶר. פון דעֶר זײַט ליִנקס אַ גרויס פאָלק פעֶרשטעֶלט ווי בעֶטעֶלר. כאָר זיִנגט: איִן דעֶר מיִט זיִנגעֶן טראָגט מעֶן אַרײַן שלמון'עֶן אויף דעֶם קעֶניִגליִכעֶן טריִאומף־וואָגעֶן אַרום מיִט פעֶנעֶר — חנון און די מיִליִטעֶריִסטעֶן לאַכעֶן).

כאָר.

מיִר זעֶנעֶן בעֶטלעֶר
און בעֶטלעֶן ניִט...
מיִר זעֶנעֶן שלעֶפעֶר
און שלעֶפעֶן זיִך ניִט...
אויך בליִנדעֶ זעֶנעֶן מיִר
אָהן אַ שיעור,
און פיִהרעֶן מוז אונז תמיד
אײנעֶר פריִהר (מעֶן טראָגט אַרײַן שלמון אַלס בעֶטלעֶר).

שלמון.

איִך ביִן דעֶר בעֶטלעֶר־קעֶניִג
און בעֶטעֶל גאָר אָהן אַ שיעור...
וויִפיִעל מעֶן גיִעבט מיִר איִז אַלץ וועֶניִג,
ווײַל איִך ביִן אַ קאַליִקעֶ אויף אַלעֶ פיִער...

כאָר.

מיִר מאַרשיִרעֶן און שפּאַציִרעֶן אַרום די וועֶלט
און שפּאַציִרעֶן און קאַסיִרעֶן אײַן דאָס קצבה געֶלד.

וואו עס איז אַ שמחה ווייסען מיר באַלד,
אָבער בעטלען שטיל אָהן אַ געוואַלד . . .

חנון: בראַוואָ מיינע געסט! היינט זאָלט איהר ביי מיר בעקומען אַזוי פיעל צו פרעסען און צו טרינקען, אַז איהר זאָלט קענען דערנאָך אַ גאַנץ יאָהר אייערע מיילער פערשליסען.

שלמון: קאָן דער אַלטער בעטלער אויך וויסען וואָס פאַר אַ יום־טוב היינט איז?

חנון: באַלד וועט די פראַגע פערענטפערט ווערען . . . ווי אַלט ביסטו?

שלמון: אַלס בעטלער בין איך אַלט 17 יאָהר.

חנון: בראַוואָ! ביסטו נאָך גאָר אַ יונגער־מאַן: 17 יאָהר אין 18־טען. גוט. בן שמונה־עשרה לחופה! און היינט זאָלסטו הייראַטען. מיט אַ שענע יונגע דאַמע.

שלמון: דו לאַכסט פון בעטלער־קעניג?

חנון: (איראָניש) אָ ניין! איך לאַך נישט. באַלד וועסטו דיך איבערצייגען. וואַכע! ברענגט אַריין די קעניגין צפורה. איך וויל זי פאָרשטעלען איהר קינפטיגען קעניג.

(איינינע פון דער וואַך אָב.

שלמון: מיט וואָס האָט זיך די אָרעמע קעניגין אַזוי פערזינדיגט?

חנון: זי האָט מיך נישט געוואָלט הייראַטהען, זאָל זי דיך הייראַטהען!

(מען פיהרט אַריין צפורה׳ן)

צפורה: עלענדער שופט! נאָך וואַגסטו צו שפּאָטען פון דיין קעניגין!

חנון: צו שפּאָט און געלעכטער האָסט דו דיך אַליין געמאַכט. אָט פאַר דעם בעטלער שענק איך דיך אַוועק. הערונטער מיט דיין קעניגליכע קרוין?

(ער וויל זי די קרוין אַרונטער נעמען.

צפורה: האַלט! מערדער! צו דעם האָסטו קיין רעכט נישט! דיזע קרוין, האָב איך בירושה פון מיין גאָטזעליגען מאַן!!!

חנון: און איך וועל זי דיר הערונטער רייסען!

העבט אָן אַרונטער רייסען שלמון כאַפּט איהם אָן)

שלמון: און איך וועל פון דיר דיין קאָפּ הערונטער רייסען!

חנון: ווער וואַגט דאָס?!

(אין דעם מאָמענט דעמאַסקירען זיך אַלע בעטלער)

שלמון: (שטאָלץ) איך, שלמון דער קעניג פון חבור!

(עס ווערד אַנ׳אויפרודער חנון זיך אָברוקענד ציטערט)

צפורה: (פאַלט אויף שלמון) מיין שלמון! מיין מאַן!

חנון: (זיך שטאַרקענד) נאָך זענט איהר אין מיין מאַכט! דיין זוהן איז ביי מיר געפאַנגען, און מיט זיינעם לעבען וועט איהר עס בעצאָהלען. (ער וויל אָב גען, בן הדור און עלמות קומען איהם אַקעגען)

בן הדור: אַ ליגענד! דו וועסט עס מיט דיין לעבען בעצאָהלען.

שלמון: רופט אַלע מיט מיר: האָך לעבע דער נייער קעניג בן הדור.

רחמה: און די נייע קעניגין עלמות!

(עלמות נעאַרעמט מיט בן הדור און שלמון מיט צפורה. געהען אויפ׳ן טראָן. חנון רוקט זיך אַן דער זייט אויף דעם קומען אָנצולויפען לפידות און צרויה)

לפידות: זעהסטו צרויה! האָב איך דיר געזאָגט: דער בעטלער איז קיין בעטלער נישט און דער פישער איז קיין פישער נישט. זעהסטו מיט מיינע פערשכורטע אויגען זעה איך בעסער ווי אַ ניכטערנער.

צרויה: אודאי! וואָס ביי אַ ניכטערען אויף דער לונג איז ביי אַשכורען אויף דער צונג.

עלמות: (צו צפורה און שלמון) קעניגין מוטער! קעניג פאָטער! שענקט מיין פאָטער דאָס לעבען!

שלמון: איך שענק איהם! גאָט זאָל איהם נאָר מוחל זיין.

חנון: איך אַליין בעט פערצייהונג פון די קעניגע און פון

גאַנצען פאָלק . און שרייַ האָך לעבע דער נייַער קעניג און די נייַע קעניגין !

אלע: האָך ! האָך ! דעם קעניג בן הדור און דער קעניגין עלמות !

כאר .

מיט פרישען מוטה
ליים אויף דאָם בלוט !
זייַט קיינע קנעכט ;
פערטיידיגט אייער רעכט !

(און אזוי וויטער ווי די ענדע פון צווייטען אקט)

ענדע



קאַטאַלאַג פון נייע טעאַטער ביכער

אייביגע ליעד.	ארנשטיין	12
אוריאל אַקאַסטא.	פון לערנער	25
אחשורוש.	פון גאָלדפאַדען	20
אידישער פריץ.	פון שייקעוויץ	20
אַלגעמיינער סטרייק.	פון ה. שטיפּט	15
אַמעריקאַנער ארביטער.	פון יעקב סער	10
אסתר'קע.	פון עפּעלבערג	25
אשה רעה.		25
באָבע מיט'ן אייניקעל.	פון גאָלדפאַדען	20
בית דוד.		25
בן הדור.	הורוויץ	25
בלימעלע.		25
בר כוכבא.	פון גאָלדפאַדען	25
געברידער לורייע	פון י. גאָרדאָן	
גאָט מענש און טייפעל.	פון י. גאָרדאָן	50
דאָקטאר אַלמאַסאַדאַ.	פון גאָלדפאַדען	20
דאָראַ.	פון שייפּענשטיין	25
דבורה'לע מיוחסת.	י. גאָרדאָן	20
דוד אין דער וויסטע.	פון עפּעלבערג	20
דוד'ס פידעלע.		25
דער קאַמפף.	פון ה. שטיפּט	15
הדסה די חלוצה.		25
הערצעלע מיוחס.		25
ווילדע פרינצעסען.	פון י. גאָרדאָן	30
וועבער.		30
שידאָווקא.	פון לערנער	25
חאשע די יתומה.		30
הינקע און פינקע.		20
יהודית ואַלפאָרנוס.	פון לערנער	20
יודען.	פון טשיריקאָוו	35
בישוף מאַכערין (צויבערין).	פון גאָלדפאַדען	25
כל נדרי.		20
לא תחמוד.	פון גאָלדפאַדען	25
מירעלע אפרת.	פון י. גאָרדאָן	30
מישקע און מאַשקא (אָדער די איראָפּייער אין אַמעריקאַ).		
מליץ יושר (רבי יאָגעלמאַן).		20
מעדעא.	פון גאָרדאָן.	20
משוגעים הויז.	פון ד. פּינסקי	5
משיח'ס צייטען.	פון ש. אש	25
נאָכ'ן שטרייק.	ג. טשוריני	15
עקדת יצחק.		25
עתליהו.		25
פאלשער משיח.	(דוד אַלראָי)	20
פאַמיליע צבי.	פון ד. פּינסקי	15
צוזייט און צו שפרייט.	פון שלום עליכם.	35
צווייטער המן.		25
קאַבצענזאָהן און הונגערמאַן.	גאָלדפאַדען	20
קוני לעמל.		20
קאָקעטקע דאַמע.	שייקעוויץ.	20
רעפעטיציע קאָמעדיע אין צוויי אַקטען.	פון א. רייזען	10
שולמית	פון גאָלדפאַדען	25
שוועסטער.	פון י. ל. פּרץ	15
שלום בית.		25
שלמה גאָרגל.		20
שמענדריק.	פון גאָלדפאַדען	10
שפאַנישע אינקוויזיציע.		20
שפרינצע די מעקלערין.		20

צו בעקומען אין בוכהאַנדלונג:

יעקב ביי לבן		10
די וועבער, דראַמע,	הייפּמאַן	15
דער-הונגער, דראַמע,	יושקעוויטש	25
חנוכה היסטאָרישע דראַמע	לערנער	25
מאַמאָ דער געלד-גאָט	לאַטיינער	25
קעניג הורדוס	דר. לאַנדאַ	30
יודישער קעניג ליער	י. גארדין	20
די לעצטע חשמונאים		20
בן הדור		25
חפני ופנחם		25
משה חייט		20
שרה שיינדיל	לאַטיינער	25
זשאַן און מאדלענא		20
דער שדכן אפערעטא,	עפּעלבערג	10
סאפאה	גארדין	
דוד'ל משורר		
דער נייער דור		

צו בעקומען אין בוכהאַנדלונג:

Я. Лидскій, Варшава, Налевки 36.